NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13244

SINDBAD DER YAMFORER

Sindbad

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק
זײַ גרײט

סינדבאַד
דער יאַמפֿאָרער

(אַן אַראַביש מײַסעלע)

№ 10—11

אוקרמלוכנאצמינדפארלאג

— ביבליאָטעק „זײַ גרייט“

סינדבאד דער יאמפאָרער

(אנ אראביש מײַסעלע)

יידיש — ל. רעזניק

№ 10—11

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר
קיעוו — 1937

טעכנישער רעדאקטאָר — מ. ז א ר ע צ ק י.
קאָרעקטאָר — ל. ה י ל ע ר.

פאפיר 94 × 62 — $^1/_{32}$ — 38 קג. $2^1/_2$
דרוק-בויגנ. אינ 1 פאפיר-בויגנ 90 000
צייכנס. טיראזש — 2850 עקז. פאר-
לאג-נומ. 94-€. 9-טע פאָליגראפי-
שע פאבריק גופ אונ קפ. קיעוו,
רויטער פלאצ 2a. באשטעלונג נומ. 473
באפולמעכטיקטער פונ הויפטליט נומ. 1890.
אָפגעגעבנ אינ זאצ — 3/IV — 1937, אונ-
טערגעשריבנ צום דרוק 21/VIII — 1937.

די ערשטע רײַזע.

אמאָל, אמאָל האָט אינ דער שטאָט באַגדאד געלעבט א סויכער מיטנ נאָמענ סינדבאַד. ער האָט פאַרמאָגט אסאַך סכוירעס אונ אסאַך געלט, אונ זײַנע שיפֿנ זײַנענ געשווּמענ איבער אלע יאמענ. די קאַפּיטאַנענ פֿונ די שיפֿנ פֿלעגנ, אומקערנדיק זיך פֿונ זייערע רײַזעס, דערציילנ סינדבאַדנ ווּנדערלעכע געשיכטעס וועגנ די פּאַסירונגענ, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט זיי אינ די ווײַטע לענדער, ווּ ס'איז זיי אויסגעקומענ צו זײַנ.

אונ סינדבאַד האָט געהערט זייערע מײַסעס אונ ס'האָט זיך אימ אלץ מערער אונ מערער געוואָלט מיט זײַנע אייגענע אויגנ זענ די ווּנדער אונ די כידושימ פֿונ די פֿרעמדע לענדער.

אונ אָט איז בא אימ געבליבנ, ער זאָל זיך לאָזנ פֿאָרנ אינ א ווײַטער רײַזע. ער האָט אײַנגעקויפֿט אסאַך סכוירעס, האָט אויסגעקליבנ די סאמע שנעלסטע אונ שטאַרקסטע שיפֿ מיט שיינע זעגלענ אונ האָט זיך געלאָזנ אינ וועג ארײַנ. צוזאמענ מיט אימ זײַנענ געשווּמענ נאָך אנדערע סאָכרימ

מיט זייערע סכוירעס. לאנג, לאנג איז זייער שיף געשוווּמען פון יאם צו יאם און פון טרוקעניש צו טרוקעניש, און זיי פלעגן צושטיין צום ברעג, און האבן פארקויפט און אויסגע־ביטן זייערע סכוירעס.

און איינמאל, ווען זיי זיינען שוין אסאך טעג מיט נעכט געשוווּמען איבער דער וואסער און האבן קיין ערד ניט געזען, האט דער מאטראס אפן מאסטבוים א געשריי גע־טאן :

— ערד ! ערד !

דער קאפיטאן האט פארקערעוועט די שיף צום ברעג, און ער איז צוגעשטאנען צו א גרויסן גרינעם אינדזל. אפן דעם אינדזל זיינען געוואקסן שאטנדיקע ביימער און וווּנ־דערלעכע ניט־געזעענע בלומען, און אפ די צווייגן האבן געזונגען בלויע, ווייסע און בונטע פייגלען.

די שיף האט פאראנקערט. די מענטשן זיינען אראפ אפ דער ערד, קעדיי אפצורוען זיך פון דער יאם־וויגעניש. אייני־קע האבן צעלייגט א שייטער און האבן זיך גענומען קאכן עסן, אנדערע האבן געוואשן וועש אין א הילצערנער מול־טער, און אנדערע האבן גלאט אזוי שפאצירט איבערן אינדזל. סינדבאד איז אויך אוועקגעגאנגען שפאצירן. ער איז אפגעגאנגען ווייט פונעם ברעג, און פלוצלינג האט די ערד זיך א רודער געטאן באַ אים אונטער די פיס, און ער האט דערהערט א הויך געשריי. דאס האט געשריַען דער קאפיטאן פון דער שיף.

— ראַטעוועט זיך! לויפֿט אַף דער שיף! דאָס איז ניט קיין אינדזל, נאָר אַ ריזיקער פֿיש! ער איז פֿאַרשאָטן געװאָרן מיט זאַמד. עס זײַנען אַף אים אויסגעוואַקסן ביימער, און ער איז געוואָרן ענלעך אַף אַן אינדזל, נאָר איר האָט צעלייגט אַ פֿײַער, איז דעם פֿיש געוואָרן הייס, און ער האָט זיך אַ רודער געטאָן. באַלד וועט ער זיך אַראָפּטוקן אַפֿן גרונט. לויפֿט אַף דער שיף! גיכער!

די סאָחרים האָבן אַוועקגעוואָרפֿן זייערע קעסלען און זייערע מולטערס, און אין איינע שרעק האָבן זיי זיך געלאָזן לויפֿן צו דער שיף. אָבער דערלאָפֿן זײַנען נאָר די, וואָס זײַנען געווען בײַם סאַמע ברעג. דער אינדזל-פֿיש האָט זיך אַ רודער געטאָן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער טיף פֿון יאַם, און די אַלע, וואָס האָבן פֿאַרשפּעטיקט, זײַנען אַראָפּ אַפֿן גרונט, און די כוואַליעס האָבן זיי צוגעדעקט.

און סינדבאַד האָט אויך ניט באַוויזן צוצולויפֿן צו דער שיף. די כוואַליעס האָבן זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אַף אים, נאָר ער האָט געקענט גוט שווימען, איז ער אַרויסגעשוווּמען אַף דער וואַסער. לעבן אים איז פֿאַרבײַגעשווּומען אַ גרויסע מולטער, וואָס די סאָחרים האָבן אין איר געוואַשן וועש. סינדבאַד האָט זיך אַנידערגעזעצט רײַטנדיק אַף דער מולטער און האָט געפּרוּווט שאַרן מיט די פֿיס, נאָר די כוואַליעס האָבן געשלײַדערט די מולטער אין אַלע זײַטן, און סינדבאַד האָט גאָרניט ניט געקענט מאַכן.

און דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף האָט באַפֿוילן אויפֿצו-

הייבנ דעמ אנקער, אונ ער איז אוועקגעשווומענ פונ דעמ דאָזיקנ אָרט אונ האָט אפילע קיינ קוק ניט געטאָנ אפ די מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געטרונקענ. סינדבאד האָט לאנג נאָכגעקוקט נאָכ דער שיפ, אונ אז זי איז פארשווונדנ געוואָרנ אינדערווײַט, האָט סינדבאד הויכ אָנגעהויבנ וויינענ פונ שרעק אונ פונעמ גרויסנ אומגליק, וואָס האָט זיכ מיט אימ געטראָפנ

איצט האָט ער שוינ ניט וואָס צו ווארטנ אפ קיינ הילפ פונ ערגעצ ניט. אלע כאוויירימ זײַנע זײַנענ דערטרונקענ געוואָרנ. ער איינער אליינ איז געבליבנ לעבנ. ער האָט זיכ פעסט אײַנגעקלאמערט מיט די פיס אינ דער מולטער אונ האָט געווארט, וואָס וועט מיט אימ ווײַטער זײַנ.

אונ די כוואליעס האָבנ געשלאָגנ די מולטער אונ האָבנ זי געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ א גאנצנ טאָג אונ א גאנצע נאכט. אונ אינדערפרי האָט סינדבאד פלוצעמ דערזענ, אז די כוואליעס האָבנ אימ צוגעשלאָגנ צו א הויכנ ברעג. סינדבאד האָט זיכ אָנגעכאפט פאר די צווײַגלעכ פונ א בוימ, וואָס זײַנענ אראָפּגעהאנגענ איבער דער וואסער, ער האָט זיכ אָנגענומענ מיט די לעצטע קויכעס אונ האָט ארופגעקלעטערט אפנ ברעג. ווי נאָר סינדבאד האָט דערפילט אונטער זיכ די ערד, איז ער געפאלנ אפנ גראָז אונ איז געלעגנ ווי א טויטער א גאנצנ טאָג אונ א גאנצע נאכט. אונ אז די זונ איז אופגעגאנגענ, האָט ער זיכ אופגעהויבנ אונ איז אוועקגעגאנגענ אינ דער טיפ פונעמ אינדזל, ווײַל ער האָט מוירע

געהאַט צו שטאַרבנ פונ הונגער אונ פונ דאָרשט אַפ דעמ וויסטנ ברעג. די יאַמ־פיש האָבנ אים צעביסנ די פיס, אונ די פיס זײַנענ געשוואָלנ געוואָרנ אונ האָבנ אים שטאַרק וויי געטאָנ. נאָר סינדבאַד איז פונדעסטוועגנ אַלץ געגאַנגענ באָרויס, געפּויזעט, געגאַנגענ אַפ די קני. ער האָט געטרונקענ וואַסער פונ די טײַכלעכ אונ האָט געגעסנ פרוכטנ אונ קרײַטעכצער. פונ צײַט צו צײַט פלעג ער אַרופקלעטערנ אַפ ביימער אונ פלעג זיכ אַרומקוקנ, נאָר ער האָט גאָרנית נית געזענ אויסער טײַכלעכ, ערד אונ וואַסער. סינדבאַדנ האָט אָנגעכאַפּט אַנ אומעט אונ אַ שרעק: לאַנג נאָכ וועט ער מוזנ אַזוי לעבנ אַפ דעמ דאָזיקנ אינדזל. נאָר ער האָט זיכ געשטאַרקט אונ האָט געזאָגט צו זיכ אַליינ:

„וואָס וועט אַרויסקומענ דערפונ, וואָס איכ וועל זיצנ אונ קלאָגנ? קיינער וועט מיכ נית ראַטעווענ, אויב איכ אַליינ וועל זיכ נית ראַטעווענ. מע דאַרפ גיינ ווײַטער, עפּיטער וועל איכ דערגיינ ביז אַזאַ אָרט, וווּ ס'וווינענ מענטשנ“.

אונ אָט איז סינדבאַד איינמאָל אַרופגעקראָכנ אַפ אַ בוימ אונ האָט פונדערווײַטנס דערזענ אַ גרויסנ ווײַסנ קופּאָל, וואָס האָט שטאַרק געגלאַנצט אַנטקעגנ דער זונ. סינדבאַד האָט זיכ זייער דערפרייט אונ האָט אַ טראַכט געטאָנ:

„דאָס איז זיכער אַ דאַכ פונ אַ פּאַלאַצ, אונ דאָרט לעבט דער קייסער פונ דעמ דאָזיקנ אינדזל. איכ וועל גיינ צו אימ, אונ ער וועט מיר העלפנ צו קומענ קיינ באַגדאַד“.

אונ ער איז געשווינד אַראָפּגעקראָכנ פונעמ בוימ אונ

האָט זיך געלאָזט גיין פאָרויס, און ער האָט די אויגן ניט אראָפּגענומען פונעם גלאַנצנדיקן קופּאָל. לאַנג איז ער גע־ גאַנגען, ביז ער איז צוגעגאַנגען צום פּאַלאַץ. נאָר דאָס איז ניט געווען קיין פּאַלאַץ. אַף דער ערד איז געשטאַנען א ווײַסער קײַלעך, אַזאַ ריזיקער, אַז דעם שפּיץ האָט מען ניט אָנגעזען. סינדבאַד איז צוגעגאַנגען צו אים, איז ארומגע־ גאַנגען ארום און ארום, נאָר ער האָט ניט געפונען ניט קיין טיר און ניט קיין פענצטער. ער האָט זיך געפּרוּווט ארופקריכן אַפן שפּיץ פון דעם קײַלעך, נאָר די ווענט־ לעך זײַנען געווען אַזוינע גלאַטע און גליטשיקע, אַז סינדבאַד האָט זיך ניט געהאַט פאַר וואָס אָנצוכאַפּן.

„אָט א וווּנדער! — האָט א טראַכט געטאָן סינדבאַד.— וואָס איז דאָס פאַר א קײַלעך?“

מיטאַמאָל איז ארום און ארום געוואָרן פינצטער און עפּעס א שאָטן האָט פאַרדעקט די זון.

און סינדבאַד האָט א קוק געטאָן ארויף, און ער האָט דערזען, אַז א ריזיקער פויגל פליט איבער דעם קײַלעך, און זײַנע פליגלען פאַרשטעלן די זון, ווי מיט א וואָלקן. אַז סינדבאַד האָט דערזען אָט דעם דאָזיקן ריזיקן פויגל, האָט ער זיך לעכאַטשילע דערשראָקן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די קאַפּיטאַנען פון זײַנע שיפן האָבן אים דערציילט, אַז אַף די ווײַטע אינדזלען וווינט א פויגל רוך, וואָס האָדעוועט זײַנע אויפעלעך מיט העלפאַנדן. סינדבאַד האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער ווײַסער קײַלעך, וואָס שטייט

דאָ באר אים, דאָס איז אַן איי פון דעם פויגל רוכ. ער האָט זיכ באהאלטנ אונטער דעם איי און האָט גענומענ ווארטנ, וואָס וועט ווײַטער זײַנ. און דער פויגל רוכ האָט זיכ א פּאָר מאָל א דריי געטאָנ אינדערלופטנ, דערנאָכ האָט ער זיכ אראָפּגעלאָזנ אפנ איי, עס צוגעדעקט מיט זײַנע פליגל און איז אנשלאָפנ געוואָרנ. סינדבאדנ האָט ער אפילע ניט באמערקט. און סינדבאד איז געלעגנ אומבאוועגלעכ לעבנ דעם איי און האָט געטראכט:

„איכ האָב געפונענ א מיטל, ווי אזוי זיכ צו ראטעווענ פונדאנענ, אבי דער פויגל זאָל זיכ נאָר ניט אופכאפּנ".

ער האָט צוגעווארט אביסל, און אז ער האָט דערזענ, אז דער פויגל שלאָפט, האָט ער געשווינד אראָפּגענומענ דעם טורבאנ פונ זײַנ קאָפּ, האָט אים צעוויקלט און זיכ פעסט צוגעבונדנ צו דעם פויגלס פוס. דער פויגל האָט זיכ אפילע קיינ ריר ניט געטאָנ: איננ פארגלײַכ מיט אים איז דאָכ סינדבאד מער ניט געווענ די גרייס ווי א מורעשקע.

אז ער האָט זיכ צוגעבונדנ, האָט ער זיכ אנידערגעלייגט אפ דעם פויגלס פוס און האָט געזאָגט צו זיכ אליינ:

„מאָרגנ וועט ער אוועקפליענ צוזאמענ מיט מיר און עפשער וועט ער מיכ אריבערטראָגנ אינ אזא לאנד, וו עס איז פאראנ מענטשנ און שטעט. נאָר אויב איכ וועל אראָפּבאלנ און וועל דערהארגעט ווערנ, איז אויכ בעסער שטארבנ מיטאמאָל, איידער אומקומענ דאָ פונ הונגער"

גאנצפרי, פארנ סאמע באגינענ, האָט דער פויגל רוכ זיכ אופגעכאפּט, האָט מיט א גערויש אויסגעגלײַכט די פליגל, הויכ אונ צעצויגנ א געשריי געטאָנ אונ זיכ אופגעהויבנ אינדערלופטנ. סינדבאד האָט פונ דערשרעק פארמאכט די אויגנ אונ האָט זיכ שטארק צוגעהאלטנ אינ דעם פויגלס פוס. דער פויגל האָט זיכ אופגעהויבנ ביז סאמע די וואָלקנס, אונ לאנג איז ער געפלויגנ איבער וואסערנ אונ ערדנ, אונ סינדבאד איז געזעסנ אײַנגעקאָרטשעט אונ האָט מוירע געהאט אראָפּקוקנ אראָפּצו. ענדלעכ האָט דער פויגל רוכ זיכ אָנגעהויבנ אראָפּצולאָזנ. ער האָט זיכ אנידערגעזעצט אפּ דער ערד אונ האָט צונויפגעלייגט די פליגל. דעמלט האָט סינדבאד געשווינד אונ פאָרזיכטיק צעבונדענ דעם טורבאנ, ציטערנדיק פונ שרעק, אז דער פויגל זאָל אימ ניט באמערקנ אונ זאָל אימ ניט דערהארגענענ. נאָר דער פויגל האָט סינדבאדנ ניט געזענ. פלוצלינג האָט ער מיט די נעגל א כאפּ געטאָנ עפּעס פונ דער ערד, עפּעס א גרויסע אונ א גראָבע זאכ, אונ ער איז אוועקגעפלויגנ. סינדבאד האָט א קוק געטאָנ אונ האָט דערזענ, אז דער פויגל רוכ טראָגט אינ די נעגל א ריזיקנ שלאנג, וואָס איז לענגער אונ גרעבער פונ דער סאמע גרעסטער פאלמע.

ער האָט זיכ אביסל אָפּגערוט אונ האָט זיכ ארומגעקוקט. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער פויגל רוכ האָט אימ געבראכט צו טראָגנ אינ א טיפנ אונ ברייטנ טאָל. ארומ אונ ארומ זײַנענ, ווי א וואנט, געשטאנענ הויכע בערג,

אזוינע הויכע, אז זייערע שפּיצן האָבן אָנגעשפּארט אין די וואָלקנס, און ס'איז קיין ארויסגאנג ניט געווען פון דעם דאָזיקן טאָל.

— איך האָב זיך געראטעוועט פון איין אומגליק און בין ארײַנגעפאלן אין א צווייטן, נאָך אן ערגערן, — האָט סינדבאד געזאָגט און האָט טיף געקרעכצט. אפן אינדזל זײַנען כאָטש געווען פרוכטן און וואסער צום טרינקען, און דאָ איז ניטאָ ניט קיין וואסער און ניט קיין פרוכטן.

און ניט ווינסדיק וואָס צו טאָן, האָט ער טרויעריק ארומגעבלאָנקעט איבערן טאָל מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דערווײַל איז אופגעגאנגען די זון איבער די בערג און האָט באלויכטן דעם טאָל, און פּלוצעם האָט דער גאנצער טאָל אָנגעהויבן פינקלען. יעדער שטיין אפּ דער ערד האָט געבליצט און האָט זיך געמינעט מיט בלויע, רויטע און געלע פײַערן. סינדבאד האָט אופגעהויבן איין שטיין און האָט דערזען, אז דאָס איז א טײַערער דימענט, דער סאמע הארטסטער שטיין אפּ דער ערד, וואָס מע דרעלעוועט מיט אים מעטאלן און מע שנײַדט מיט אים גלאָז. דער טאָל איז געווען פול מיט בריליאנטן, און די ערד אינעם טאָל איז אויך געווען א בריליאנטענע.

און פּלוצעם האָט זיך פון אלע זײַטן דערהערט א ציישערײַ. ריזיקע שלענג זײַנען ארויסגעקראָכן פון די פינצטערע שפּאלטן און פון אונטער די שטיינער, קעדיי צו ווארעמען זיך אפּ דער זון. יעדער איינער פון די דאָזיקע שלענג

איז געווען גרעסער פון דעם סאַמע גרעסטן בוים. און ווען א העלפאַנד וואָלט געקומען אהער איין מאָל אריין, וואָלטן די שלענג געווים אים אײַנגעשלונגען גאנצערהייט.

סינדבאַד האָט אָנגעהייבן ציטערן פון שרעק, און ער האָט געוואָלט אנטלויפן, נאָר ס'איז ניט געווען וווּהין צו אנטלויפן און ס'איז ניט געווען וווּ זיך צו באהאַלטן. סינד־באַד איז ארומגעלאָפן איבער דעם טאָל און האָט געזוכט אן אָרט צו ראַטעווען זיך פון די שלענג, און פּלוצעם האָט ער באַמערקט א קליינינקע הייל. ער איז אריינגעקראָכן אהין דורך א שמאָלן אריינגאַנג, און ער האָט דערזען פאר זיך א גראָבן שלאַנג, וואָס איז געזעסן אף אייער, צונויפ־געדרייט אין א קנויל און האָט שרעקלעך געצישעט. סינד־באַד האָט זיך נאָך מערער דערשראָקן. ער איז ארויסגע־קראָכן פון דער הייל, האָט זיך צוגעדרוקט מיטן רוקן צום פעלדז און האָט זיך באַמיט ניט א ריר צו טאָן זיך.

און פּלוצעם איז לעבן אים אראָפּגעפאַלן א גרויסער שטיק פלייש. סינדבאַד האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזען, און ווײַטער אביסל איז אראָפּ־געפאַלן נאָך א שטיק פלייש און נאָך און נאָך.

און ענדלעך האָט סינדבאַד פארשטאַנען, וווּ ער געפינט זיך און וואָס דאָס איז פאַר א טאָל. שוין לאַנג, נאָך אין באַגדאַד, האָט ער פון איינעם א רײַזנדן געהערט א מײַסע וועגן א דימענטן־טאָל. דער דאָזיקער טאָל — האָט דער רײַזנ־דער געזאָגט — געפינט זיך אין ווײַטע לענדער, צווישן בערג,

און קיינער קען ניט צוקומען צו דעם טאָל, ווײַל ס׳איז ניטאָ קײן וועג אַהינצו. נאָר די סאָכרים, וואָס האַנדלען מיט די־מענטן, האָבן צוגעטראַכט אַן אײַנפאַל, וויאַזוי אַרויסצו־קריגן די טײַערע שטיינער. זיי נעמען אַ שאָף, צעשנײַדן זי אויף שטיקלעך און וואַרפן אַראָפּ דאָס פלייש אין טאָל אַרײַן. די דימענטן קלעפּן זיך צו צום פלייש, און האַלבן טאָג לאָזן זיך אַראָפּ אינעם טאָל רויב־פויגלען, אָדלערס און שפּאַרבערס, זיי כאַפּן דאָס פלייש און טראָגן עס אויף די בערג. דעמלט הייבן אָן די סאָכרים צו קלאַפּן און צו שרײַען, און זיי טרײַבן אַוועק די פויגלען פונעם פלייש, און זיי רײַסן אָפּ די צוגעקלעפּטע דימענטן. די שטיינער טראָגן זיי אַוועק און דאָס פלייש לאָזן זיי פאַר די פויגלען און פאַר די בהמות.

סינדבאַד האָט זיך דערמאָנט אין דער דאָזיקער מעשׂה, און ער האָט זיך דערפרייט. ער האָט צוגעטראַכט, וויאַזוי זיך צו ראַטעווען. ער האָט געשווינד צונויפגעקליבן אויף דער ערד אַזויפיל גרויסע דימענטן, וויפל ער האָט געקאָנט מיט זיך פאַרטראָגן. דערנאָך האָט ער ווידער צעוויקלט זײַן טורבאַן, ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, אַרויפ־געלייגט אויף זיך אַ גרויסן שטיק פלייש און האָט זיך פעסט צוגעבונדן צו אים. ס׳איז קיין מינוט ניט דורכגעגאַנגען, ווי אַ גרויסער אָדלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום פלייש, האָט דאָס אַ כאַפּ געטאָן מיט די נעגל און האָט זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן. אַז ער איז אַרויפגעפלויגן אויף אַ הויכן באַרג,

האָט ער פונעם פלייש געוואָלט אָפּרייסן א שטיקל און אופעסן. נאָר פלוצעם האָבן הינטער אים זיך דערהערט הויכע געשרייען, א קלאַפּערײַ און א טופּערײַ פון פיס. דער אָדלער האָט זיך א וואָרף געטאָן, האָט איבערגעלאָזן דאָס פלייש און איז אוועקגעפלויגן, און סינדבאַד האָט זיך אָפּגעבונדן פונעם פלייש און איז אופגעשטאַנען פון דער ערד. דאָס קלאַפּערײַ און דער ליאַרעם האָבן זיך געהערט אלץ נעענטער און נעענטער און אינגיכן איז פון הינטער די ביימער ארויסגעלאָפן אן אלטער דיקער מענטש מיט א גרויסער באָרד, אָנגעטאָן ווי א סויכער. ער האָט געקלאַפּט מיט א שטעקן אין א הילצערנעם שילד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט, און האָט געשריגן מיט אלע קויכעס, קעדיי צו פאַרטרײַבן דעם אָדלער. אַפּ סינדבאַדן האָט ער אפילע קיין קוק ניט געטאָן. ער האָט זיך געוואָרפן גלײַך צום פלייש און האָט עס באַטראַכט פון אלע זײַטן, נאָר ער האָט אַפּ דעם קיין איין דימענט ניט געפונען. דעמאָלט האָט ער זיך אנידערגעזעצט אַפּ דער ערד, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ און האָט א געשריי געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אן אומגליק! איך האָב שוין א גאַנצן אָקס אַראָפּגעוואָרפן אינעם טאָל, נאָר אלע שטיקער פלייש האָבן די אָדלערס אוועקגעטראָגן צו זיך אין די נעסטן, נאָר איין שטיק פלייש האָבן זיי איבערגעלאָזן, און

ווי אפצולאָכעס, האָט צו דעם שטיק פּלייש קיין איין שטיינ־
רעלע זיך ניט צוגעקלעפּט. וויי, וויי! אָט אַן אומגליק!

דאָ האָט ער אופגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דערזען סינדבאדן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, איינגאַנצן אין בלוט און אין שטויב, אַ באָרוועסער, אין צעריסענע קליי־
דער. אַז דער סויכער האָט אים דערזען, האָט ער מיטאַמאָל אופגעהערט צו שרייען און איז פאַרגליווערט געוואָרן פון דערשרעק. ער האָט געכאַפּט זיין שטעקן, האָט זיך פאַר־
שטעלט מיטן שילד און האָט געפרעגט:

— ווער ביסטו אַזוינער און ווי קומסטו אַהער?

— האָב פאַר מיר קיין מורע ניט, כאָשעווער סויכער, איך וועל דיר ניט טאָן קיין שלעכטס, — האָט סינדבאד געענטפערט. — איך בין אויך געווען אַ סויכער, ווי דו, נאָר איך האָב איבערגעטראָגן גרויסע צאָרעס און שרעקלעכע פּאַ־
סירונגען. העלף מיר, איך זאָל אַרויס פונדאַנען און זאָל זיך אומקערן אַהיים, וועל איך דיר געבן אַזויפיל דימענטן, וויפל דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט.

— און ס'איז טאַקע אַן עמעס, אַז דו האָסט דימענטן? אַנו, באַווייז!

סינדבאד האָט באַוויזן דעם סויכער זיינע שטיינער, און די כאָמע בעסטע האָט ער אים אָוועקגעשענקט. דער סויכער האָט זיך זייער דערפרייט, און ער האָט שטאַרק געדאַנקט סינדבאדן. דערנאָך האָט ער צוגערופן זיינע כאַווייריִם, וואָס האָבן זיך אויך דאָ פאַרנומען מיט אַרויסקריגן דימענטן,

און סינדבאַד האָט זיי דערציילט, וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפֿן.

די סאָכרים האָבן אים באַגריסט דערמיט, וואָס ער איז געראַטעוועט געוואָרן, זיי האָבן אים געגעבן גוטע קליי־דער און האָבן אים מיטגענומען מיט זיך. ער איז לאַנג מיט זיי געגאַנגען איבער סטעפּעס און איבער וויס־טעס, איבער פעלדער און איבער שטעט, און ענדלעך איז ער געקומען קיין באַגדאַד. זײַנע קרוויים האָבן אים באַ־געגנט מיט פרייד און האָבן געמאַכט אַ גרויסן יאָנטעוו לע־קאָוועד זײַן אומקערן זיך. זיי האָבן שוין געמיינט, אַז סינדבאַד איז אומגעקומען און האָבן זיך שוין ניט גע־ריכט אים צו זען. סינדבאַד האָט פאַרקויפט זײַנע די־מענטן, און ווידעראַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו האַנדלען.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די ערשטע רײַזע פון סינדבאַד דעם יאַמפאָרער.

די צווייטע רײַזע.

סינדבאַד האָט אין דער ערשטער רײַזע געליטן אַזויפיל צאָרעס און אומגליקן, אַז ער האָט באַשלאָסן מער קיינמאָל ניט אוועקפאָרן פון באַגדאַד. זײַנע פרײַנט און באַקענטע, די באַגדאַדער סאָכרים, פלעגן אַלע אָוונט זיך צונויפקומען צו אים, און ער פלעגט זיי דערציילן, וואָס מיט אים האָט פּאַ־סירט. און אַלע מאָל, ווען סינדבאַד פלעגט זיך דערמאָנען אין דעם פויגל רוך און אין דעם דימענטענעם טאָל, פלעגן

אים אָנכאפּנ אזא שרעק, אזויווי ער וואָלט נאָכ איצט אויכ ארומגעבלאָנקעט אינ דעמ טאָל פונ דימענטנ.

איינמאָל אינ אָוונט זײַנענ צו סינדבאדג, ווי געוויינלעכ, געקומענ זײַנע פרײַנט, — סאָכרימ. אונ אז זיי האָבנ אָפּגעגעסנ וועטשערע אונ האָבנ זיכ שוינ צוגעגרייט הערנ דעמ באלעבאָס מײַסעס, איז פּלוצעמ ארײַנ אינ צימער איינער פונ זײַנע דינער אונ האָט אימ געזאָגט, אז לעבנ טויער שטייט א מענטש אונ פארקויפט ווונדערלעכע פרוכטנ.

— הייס אימ ער זאָל ארײַנגיינ אהער, — האָט סינדבאד געזאָגט.

אונ דער דינער האָט ארײַנגעפירט דעמ הענדלער אינ צימער. דאָס איז געווענ א טונקל-הויטיקער מענטש מיט א לאנגער שווארצער באָרד, אָנגעטאָנ פרעמדלענדיש. אפנ קאָפּ האָט ער געטראָגנ א קאָרב, פול מיט זייער שיינע פרוכטנ.

ער האָט אוועקגעשטעלט דעמ קאָרב פאר סינדבאדנ אונ האָט אראָפּגענומענ פונ אימ דעמ צודעק. סינדבאד האָט א קוק געטאָנ אינ קאָרב ארײַנ אונ האָט אויש א געשריי געטאָנ פונ פארוווּנדערונג. אינעמ קאָרב זײַנענ געלעגנ ריזיקע אפּעלסינעס, אזוינע קײַלעכדיקע, אזויווי באָמבעס, זויערע אונ זיסע לימענעס, מאראנצנ, פּערשקעס, בארנ אונ מילגרוימענ, אונ אלע — אזוינע גרויסע אונ

זאפטיקע, וואָס אינ באגדאד האָט ער גאָר קיינמאָל אזוינס ניט געזענ.

— ווער ביסטו אונ פונ וועלכנ לאנד ביסטו געקומענ ? — האָט סינדבאד געפרעגט דעמ הענדלער.

— מײַנ האר, — האָט יענער געענטפערט, — איכ בינ געבוירנ געוואָרנ ווײַט פונדאנענ, אפ דעמ אינדזל סערענדיב. מײַנ גאנצ לעבנ בינ איכ ארומגעשוואומענ איבער די יאמענ. איכ בינ אויסגעווענ אינ אסאכ לענדער, אונ אומעטומ האָב איכ פארקויפט אזוינע פרוכטנ.

— דערצייל מיר וועגנ דעמ אינדזל סערענדיב, וואָס שטעלט ער מיט זיכ פאָר אונ ווער וווינט אפ אימ, — האָט סינדבאד געזאָגט.

— וועגנ מײַנ היימלאנד קענ מענ מיט קיינ ווערטער ניט דערציילנ. מע דארפ עס אליינ זענ, ווײַל ס'איז גאָר אפ דער וועלט ניטאָ אזא אינדזל, וואָס זאָל זײַנ שענער אונ בע= סער פונ סערענדיב, — האָט דער הענדלער געענטפערט. — אז א מענטש טרעט ארופ אפ דער ערד פונ אונדזער אינדזל, דערהערט ער דאָס געזאנג פונ שיינע פויגלענ, וואָס זייערע פעדערנ ברענענ אפ דער זונ ווי טײַערע שטיינער. אפילע די בלומענ אפנ אינדזל סערענדיב לויכטנ, ווי ליכטיק גאָלד. אונ עס זײַנענ דאָרטנ פאראנ בלומענ, וואָס וויינענ, אונ בלומענ, וואָס לאכנ. אלע טאָג, מיטנ זונ=אופגאנג, הייבנ זיי אופ זייערע קעפלעכ ארופ אונ שרײַענ הויכ : „וואק ! וואק !“ „פרי= מאָרגנ ! פרימאָרגנ“ אונ זיי לאכנ, אונ פארנאכט, ווענ יי

זונ פארגייט, לאָזנ זיי אראָפּ זייערע קעפּלעך צו דער ערד און וויינענ, און ווי נאָר ס'ווערט פינצטער, גייענ ארויס אפנ ברעג יאַמ אלערליי כיעס: בערנ, פּאנטערעס, לייבנ און יאַמ־פערד, און יעדערער האלט אינ מויל א טייערנ שטיינ, וואָס ברענט ווי פייער און באלייכט אלצדינג ארומ און ארומ. און די ביימער אינ מיינ הײמלאנד זיינען אלע זייער זעלטענע און טייערע: דער אלאָע־בוימ, וואָס שמעקט אזוי שיינ, ווענ מע צינדט אימ אָנ; דער שטארקער מעק־בוימ, וואָס מע מאכט פונ אימ מאסטביימער פאר שיפנ, — קיינ אייזנ אינזעקט קענ אימ ניט דורכרייזענ, און ס'שאדט אימ ניט קיינ וואסער און ניט קיינ קעלט. — ווונדערלעכע פּאלמעס און דער גלאנצנדיקער עבענ־בוימ, אָדער שוואר־צער האָלצ. דער יאמ ארומ סערענדיב איז א מילדער און א ווארעמער. אבנ גרונט פונעמ יאמ ליגנ דאָרטנ ווונדער־לעכע פערל, וויסע, ראָזע און שווארצע. די פישער טוקנ זיך אראָפּ אונטער דער וואסער און דערלאנגענ זיי, און אמאָל שיקנ זיי נאָך די פערל מאלפעס.

נאָך לאנג האָט דער הענדלער פונ ברוכטנ דערציילט וועגנ די ווונדער פונעמ אינדזל סערענדיב, און אז ער האָט געענדיקט, האָט סינדבאד אימ באלוינט פונ דער פולער האנט און האָט אימ אָפּגעלאָזנ. דער הענדלער איז אוועק, רוקנ־דיק זיך אפצוריקצו און בוקנדיק זיך ביז צו דער ערד. און סינדבאד האָט זיך געלייגט שלאָפנ. נאָר לאנג האָט ער זיך נאָך געדרייט פונ איינ זייט אפ דער צווייטער און האָט ניט

געקענט אנשלאָפן ווערן, דערמאָנענדיק זיך אינעם הענדלערס מײַסעס. ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער הערט דאָס פליוסקען פונעם יאם און דאָס סקריפען פון די מאסטבײמער, און אז ער זעט פאר זיך די װוּנדערלעכע פויגלען מיט די גאָלדענע פעדערן, וואָס פינקלען ווי פײַער. צום סאָף איז ער אנשלאָפן געוואָרן, און ס'האָט זיך אים געכאָלעמט א מאלפע מיט א ראָזן פערל אין מויל. אז ער האָט זיך אופגעכאפט, איז ער מיטאמאָל ארויסגעשפרונגען פון בעט:

„איך מוז אומבאדינגט זײַן אפן אינדזל סערענדיב, הײַנט נאָך וועל איך זיך אָנהייבן קלײַבן אין וועג ארײַן".

און ער האָט צונויפגעקליבן דאָס גאנצע געלט, וואָס ער האָט געהאט, און פאר א העלפט פונעם געלט האָט ער אײַנגעקויפט סכוירעס און די צווייטע העלפט האָט ער באגראָבן אין דער ערד, טאָמער מאכט זיך אן אומגליק. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט מיט זײַנע קרויווים און איז ווידער אוועקגעפאָרן אין דער יאם-שטאָט באסרו. ער האָט לאנג זיך געקליבן וואָס א בעסערע שיף, און צום סאָף האָט ער געפונען א שיינע שטארקע שיף מיט א טיפן טריום, וווהין מע האָט געקענט ארײַנלייגן אסאך סכוירע. דער קאפיטאן פון דער שיף איז געוועזן איינער א יאמפאָרער פון פערסיע מיטן נאָמען בוזורג — אן אלטער דיקער מענטש מיט א לאנגער באָרד. ער איז לאנג געשווומען איבערן אָקעאן, און זײַן שיף האָט זיך קיינמאָל ניט געטרונקען.

סינדבאד האָט געהייסן אָנלאָדן זײַנע סכוירעס אפן בו-

זורגעס שיף און האָט זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן. צוזאַמען מיט איס זײַנען געפֿאָרן זײַנע פֿרײַנט — סאַכרים, וואָס האָבן אויך געוואָלט זײַן אָפּן אינדזל סערענדיב.

דער ווינט איז געווען אַ גינסטיקער, און די שיף איז געשווינד זיך געלאָפֿן פֿאָרויס. די ערשטע טעג איז אַלץ געגאַנ־גען ווי ס׳דאַרף צו זײַן. נאָר איינמאָל אינדערפֿרי האָט אָפּן יאַם זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם, און ס׳האָט זיך אופֿגעהויבן אַזאַ שטאַרקער ווינט, אַז מע האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, אין וועלכער זײַט בלאָזט ער. ס׳האָט געוואָרפֿן די שיף, ווי אַ שפּענדל. ריזיקע כוואַליעס האָבן איינע נאָך דער צווייטער זיך איבערגעקוויקלט איבער דער שיף־דעק. סינדבאַד און זײַנע פֿרײַנט האָבן זיך צוגעבונדן צו די מאַסטבײַמער, און זיי האָבן זיך געגנבֿעט געזעגנט איינער מיטן צווייטן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאָפֿט, אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. נאָר דער קאַפּיטאַן בוזורג איז געווען רויִק. ער האָט זיך אַליין אָוועקגעשטעלט באַם רודער, און מיט אַ היכער שטים האָט ער אָפּגעגעבן זײַנע באַפֿעלן. ווען די וועלנט האָבן דער־זען, אַז ער האָט קיין מורא ניט, האָבן זיי זיך אויך באַ־רויִקט.

צו האַלבן טאָג האָט דער שטורעם אָנגעהויבן שטיל ווערן. די כוואַליעס זײַנען געוואָרן קלענער, דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט. אינגיכן איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל, און די שיף האָט עס אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם.

און פּלוצלינג האָט דער קאַפּיטאַן בוזורג זיך גענומען

שלאָגן מיט די הענט איבערן פּאָנעם, קרעכצן און יויינען.
ער האָט פונעם קאָפּ אראָפּגעריסן דעם טורבאַן און האָט אים א וואָרף געטאָן אפן שיף־דעק. ער האָט צעריסן אף זיך דעם כאלאט און האָט א געשריי געטאָן:

— איר זאָלט וויסן, אז אונדזער שיף איז אריינגעפּאלן אין א שטארקן שטראָם, און מיר קענען פון אים ניט ארויס! און דער דאָזיקער שטראָם טראָגט אונדז צו א אינדזל, וואָס מע רופט אים דער אינדזל פון די האָריקע. עס וווינען אף אים מענטשן, וואָס זיינען ענלעך אף מאלפּעס, און ס'האָט זיך נאָך קיין איין לעבעדיקער מענטש ניט אומגעקערט פון דעם דאָזיקן אינדזל. איז גרייט זיך צום טויט: קיינער קען אייך ניט ראטעווען!

און דער קאפּיטאַן האָט ניט באוויזן ארויסצורעדן די לעצטע ווערטער, ווי ס'האָט זיך דערהערט א שרעקלעכער קלאפּ. די שיף האָט זיך א טרייסל געטאָן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שטראָם האָט זיך צוגעשלאָגן צו אן אינדזל מיט הויכע אָפּגעריסענע ברעגן, און זי האָט זיך געזעצט אף א זאמד־באנק. און באלד האָט דער גאנצער ברעג פונעם אינדזל זיך באדעקט מיט אזוינע קליינע שווארצע נעפּאישעלעך, וואָס זיינען פונדערווייטן ענלעך געווען אף מורעשקעס. זיי זיינען געוואָרן אלץ מערער און מערער. זיי האָבן זיך אראָפּגעקייקלט פונעם ברעג גלייך אין וואסער אריין, זיי זיינען צוגעשווומען צו דער שיף, און גיך־גיך האָבן זיי געקלעטערט אף די מאסטבוימער. און ווען זיי האָבן זיך בא־

וויזן אפ דער שיף, האָט סינדבאד דערזען, אז דאָס זיינען מיט געדיכטע שווארצע האָר באדעקטע קליינינקע מענטשע־לעך, מיט געלע אויגן, מיט קרומע פיס און מיט קלאָמעריקע הענט. זיי האָבן איבערגעריזעט אלע קאנאטן און האָבן אראָפּגעריסן די זעגלען. דערנאָך האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן אפ סינדבאדן און אפ זיינע וועג־כאווייריס. דאָס פאָדערשטע מענטשעלע האָט זיך צוגעגאנגוועט צו איינעם פון די סאָכרים. דער סויכער האָט ארויסגעכאפּט זיין שווערד און האָט אים צעהאקט אפ דער האלב. נאָר אין דער מינוט האָבן זיך אפ אים ארופגעוואָרפן צען אנדערע, האָבן אים אָנגעכאפּט פאר די הענט און פאר די פיס און האָבן אים אראָפּגעוואָרפן אין יאם ארײַן. און נאָך אים האָבן זיי אראָפּגעוואָרפן א צווייטן און א דריטן סויכער.

— צי דען וועלן מיר זיך דערשרעקן פאר די דאָזיקע מאלפּעס? — האָט א געשריי געטאָן סינדבאד און האָט אויך ארויסגענומען זיין שווערד, נאָר דער קאפּיטאן בוזורג האָט אים אָנגעכאפּט פאר דער האנט און האָט א געשריי גע־טאָן:

— היט זיך, סינדבאד! צי דען זעסטו ניט, אז אויב יעדערער פון אונדז וועט אפילע דערהארגענען צען אָדער הונדערט מאלפּעס, וועלן די איבעריקע אים צערײַסן אפ שטיקלעך און וועלן אים ארײַנוואַרפן אין יאם ארײַן? לאָמיר אנטלויפן פון דער שיף אפן אינדזל, און די שיף זאָל בלײַבן פאר די מאלפּעס.

און סינדבאַד האָט געפּאָלגט דעם קאַפּיטאַן און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם שווערד. ער איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג פונעם אינדזל, און זיינע וועג־באַוויירים זיינען אַרויס־געשפּרונגען נאָך אים. דער לעצטער האָט פאַרלאָזן די שיף דער קאַפּיטאַן בוזורג. ס'האָט אים זייער באַנק געטאָן איבערצולאָזן זיין שיף פאַר די דאָזיקע האָריקע מאַלפּעס.

סינדבאַד און זיינע פרייַנט זיינען לאַנגזאַם אַוועק איבערן אינדזל, און זיי האָבן ניט געוווּסט, אין וועלכער זייט זיי זאָלן זיך לאָזן גיין. זיי זיינען געגאַנגען און האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך און האָבן געזוכט אייצעס, וויאַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דעם דאָזיקן אינדזל און זיך אומ־קערן אַהיים. און פּלוצלינג האָט דער קאַפּיטאַן בוזורג א געשריי געטאָן:

— זעט נאָר! זעט! אַ פּאַלאַץ!

סינדבאַד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט פונדער־ווייטנס דערזען אַ הויכע שטוב מיט אַ שוואַרצן טויער.

— אין דער שטוב, קען זיין, לעבן מענטשן. לאָמיר גיין זיך דערוויסן, ווער איז דער באַלעבאָס. — האָט ער גע־זאָגט.

זיינע באַוויירים האָבן זיך געלאָזן גיין שנעלער, און אינגיכן זיינען זיי צוגעגאַנגען צום טויער פון דער שטוב. סינדבאַד איז דער ערשטער אַריינגעלאָפן אין הויף און האָט אַ געשריי געטאָן:

— דאָ איז געווים ערשט ניט לאַנג געווען אַ מאָלצייט,

זעט נאָר, אַף די שטעקנס אַרום דעם פֿײַערבֿעקן הענגען קעסלען און פֿאַנען, און אַרום און אַרום זײַנען צעוואָרפֿן אָפּגעריזעטע בייגער, און די קוילן אין דעם פֿײַערבֿעקן זײַנען נאָך הייס. לאָמיר זיך צוזעצן אַביסל אַף אָט דער־אָ באַנק, עפּשער וועט דער באַלעבאָס פֿון דער שטוב אַרויסגיין אין הויף אַרײַן און וועט אונדז אַרײַנרופֿן צו זיך.

סינדבאַד און זײַנע באַווײַרים זײַנען געווען אַזוי מיד, אַז זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אַף די פֿיס. זיי האָבן זיך אַני־דערגעזעצט, ווער אַף דער באַנק און ווער גלײַך אַף דער ערד. זיי האָבן זיך אַביסל אָנגעוואַרעמט אַף דער זון, און יי זײַנען אײַנגיכן אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן. סינדבאַד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער ערשטער. ס׳האָט אים אויפֿגעוועקט אַ הויכער גערויש און אַ הילך, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויף. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ערגעץ ניט ווײַט גייט אַ גרויסע שווערע העלפֿאַנדן. די ערד האָט געציטערט פֿון עמעצנס טריט. ס׳איז שוין געווען פֿינצטער. סינדבאַד האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון דער באַנק און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק: גלײַך אַף אים האָט זיך באַוועגט אַ מענטש פֿון אַ גוואַלדיקן וווּקס, אַן עמעסער ריז, ענלעך אַף אַ הויכער פּאַלמע. ער איז אינגאַנצן געווען אַ שוואַרצער, די אויגן האָבן בײַ אים געפֿינקלט, ווי ברענענדיקע האָלעוועשקעס. דאָס מויל איז געווען ענלעך אַף דער עפֿענונג פֿון אַ ברונעם, און די ציין האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט ווי די בײנער־ציין פֿון אַ ווילדן כאַזער. די אויערן זײַנען אַראָפּגעהאַנגען אַף די אַקס־

לען, און די נעגל אַף די הענט זײַנען געווען ברייטע און שאַרפֿע, ווי די נעגל פֿון אַ לייב.

דער ריז איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אַביסל אײַנגעבויגן, ווי ס'וואָלט אים שווער געווען צו טראָגן זײַן אייגענעם קאָפּ, און ער האָט שווער געאָטעמט. פֿון יעדער אָטעם זײַנעם האָבן געפֿלאַטערט די בלעטער אַף די ביימער, און די שפּיצן פֿון די ביימער האָבן זיך צוגעבויגן צו דער ערד, ווי אין דער צײַט פֿון אַ שטורעם־ווינט. אין די הענט האָט ער גע־האַלטן אַ ריזיקן סטורקאַטש, אַ גאַנצן שטאַם פֿון אַ פּע־ביקן בוים.

און סינדבאַדס כאַווײרים האָבן זיך אויך אופֿגעכאַפּט, און זיי זײַנען געלעגן אַף דער ערד, אַזויווי טויטע. נאָר סינד־באַד אַליין איז געשטאַנען אַף די פֿיס: ער האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן פֿון שרעק. דער ריז איז צוגעגאַנגען צו זײַנע כאַווײרים און האָט זיך אָנגעבויגן איבער זיי. ער האָט לאַנג יעדן איינעם פֿון זיי באַטראַכט, ביז ער האָט אויס־געקליבן דעם פֿעטסטן מענטשן און האָט אים אופֿגעהויבן מיט איין האַנט, ווי אַ פֿעדערל. דאָס איז געווען דער קאַפּי־טאַן בוזורג, דער סאַמע גרעסטער און דיקסטער פֿון אַלע סינדבאַדס כאַווײרים.

סינדבאַד האָט אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפֿן ריז. די גאַנצע שרעק זײַנע איז איבער־געגאַנגען, און ער האָט געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך, ווי־אַזוי אַרויסצורײַסן בוזורגן פֿון דעם אומגעהויערס הענט.

נאָר דער ריז האָט מיט א קלאפּ פוּנעם פוּס אָפּגעשליידערט סינדבאדן אין א זייט. ער האָט אָנגעצונדן פייער אפן פייערבעקן, האָט אָפּגעבראָטן דעם קאפּיטאן בוזורג אפן פייער און האָט אים אופגעגעסן.

נאָכן עסן האָט דער ריז זיך אויסגעצויגן אפ דער ערד און האָט הויך אָנגעהויבן כראָפּען. סינדבאד און זיינע כא־ווירים זיינען געלעגן צוגעטוליעט איינער צום אנדערן און האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם. סינדבאד איז דער ערשטער געקומען צו זיך. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אז דער ריז שלאָפט שטארק, איז ער אופגעשטאנען און האָט א געשריי געטאָן:

— בעסער וואָלטן מיר שוין דערטרונקען געוואָרן אין יאם! צי דען וועלן מיר דערלאָזן, אז אָט דער ריז זאָל אונדז אופעסן ווי די לעמעלעך?

— לאָמיר אוועקגיין פונדאנען אין אזא אָרט, ווו מיר זאָלן זיך קענען באהאלטן פון אים. — האָט איינער פון די סאָברים געזאָגט.

— וווהין וועלן מיר גיין? ער וועט אונדז געפינען אומע־טום. שוין בעסער, מיר זאָלן אים דערהארגענען, און דער־נאָך וועלן מיר אוועקשווימען פון דעם אינדזל אין יאם אריין. עפשער וועלן מיר באגעגענען עפּעס א שיף.

— און אפ וואָס וועלן מיר אוועקשווימען, סינדבאד? — האָבן די סאָברים געפרעגט.

— טוט א קוק אפ אָט די שייטן האָלץ, וואָס ליגן דאָ צו־

גויפגעלייגט לעבן דעם פײַערבעקן. זיי זײַנען לאנגע און גראָבע, און אז מע זאָל זיי צונויפבינדן אינײנעם, וואָלט זיך באקומען א גוטער פליט, — האָט סינדבאד געזאָגט. — לאָמיר דערווײַל, ביז אָט דער בייזער מענטשנפרעסער שלאָפט דאָ, זיי אריבערטראָגן אפן ברעג יאם. און דערנאָך וועלן מיר זיך אומקערן אהערצו, און מיר וועלן צוטראכטן א מיטל, וויאזוי אים צו דערהארגענען.

— דאָס איז א וווילער פלאן, — האָבן די כאַברים געזאָגט, און זיי האָבן גענומען איבערשלעפּן די קלעצער אפן ברעג און צונויפבינדן זיי מיט שטריק פון פּאלמע־קאָרע.

און ביז אינדערפרי איז דער פליט פארטיק געוואָרן, און סינדבאד מיט זײַנע כאווײרים האָבן זיך אומגעקערט אין הויף צו דעם ריז. אז זיי זײַנען געקומען, איז שוין דער מענטשנפרעסער אין הויף נים געווען. ביז סאמע אָוונט האָט ער זיך נים געוויזן. סינדבאד האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אף אים. ער האָט שוין צוגעטראכט, וויאזוי צו דערהארגענען דעם ריז, און ער האָט געווארט אף נאכט, כדי אויסצופילן זײַן פלאן.

און אז ס'איז פינצטער געוואָרן, האָט די ערד ווידער אָנגעהויבן ציטערן, און ס'האָט זיך דערהערט א הילך און א טופּערײַ. דער ריז איז שוין געווען נאָענט. אזוי ווי נעכטן, איז ער לאנגזאם צוגעגאנגען צו סינדבאדס כאווײרים, ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער זיי, באלויכטנדיק זיי מיטן שטורקאץ, האָט אויסגעקליבן דעם סאמע דיקסטן סויכער, אים

דורכגעשמאָכן מיט דעם בראָט־שפּיז, אים אָפּגעבראָטן און אופגעגעסן, און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אפּ דער ערד און איז אנשלאָפן געוואָרן.

— נאָך איין כאַווער אונדזערער איז אומגעקומען, — האָט סינדבאַד געזאָגט, ווען ער האָט דערהערט דאָס כראָפּען פונעם ריז. — נאָר דאָס איז שוין דער לעצטער. מער וועט שוין אָט דער ריז קיין איינעם פון אונדז ניט אופעסן.

— וואָס האָסטו אזוינס צוגעטראכט, סינדבאַד? — האָבן די כאַברים געפרעגט.

— קוקט אפּ מיר און טוט אלץ, וואָס איך וועל אייַך זאָגן, — האָט סינדבאַד געענטפערט.

ער האָט גענומען צוויי בראָט־שפּיזן, וואָס דער ריז האָט אפּ זיי געבראָטן פלייש, האָט זיי אָנגעגליט אפּן פייַער פונעם פייַערבעקן און צוגעשטעלט זיי צו דעם מענטשנ־פרעסערס אויגן. דערנאָך האָט ער געגעבן א ווונק צו די סאָ־כרים, און זיי האָבן אלע איינגעם זיך ארופגעוואלגערט אפּ די בראָט־שפּיזן אזוי, אז דעם מענטשנפרעסערס אויגן זייַ־נען אריַינגעקראָכן טיפ אין קאָפּ אריַין, און ער איז בלינד געוואָרן. מיט א שרעקלעכן געשריי איז דער מענטשנפרעסער אופגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן שאַרן ארום זיך, גע־וואָלט כאַפּן זייַנע סאָנים. נאָר סינדבאַד און זייַנע כאַווייריםי האָבן זיך צעשאָטן אין אלע זייַטן און זיך געלאָזן לויפן צום יאַם.

דער ריז האָט מיט שווערע טריט זיך געלאָזן גיין נאָך

זיי, און די גאנצע צײַט האָט ער הויך געשריִען און זיך געבויגן ביז צו דער ערד. ער האָט אָנגעיאָגט די אנטלאָפע־נע, און האָט זיי איבערגעיאָגט, נאָר כאַפּן עמעצן פון זיי האָט ער ניט געקאָנט. זיי זײַנען דורכגעלאָפן בײַ אים צווישן די פיס און האָבן זיך אויסגעדרייט פון זײַנע הענט, און, ענד־לעך, זײַנען זיי צוגעלאָפן צום ברעג יאַם, ארופגעשפרונגען אפן פליט און אָפּגעשווומען פון ברעג, שאַרנדיק מיט א יונגן שטאם פון א יונגער פּאַלמע, ווי מיט א רודער.

און אז דער ריז האָט דערהערט דאָס פּאַטשן פון דעם רודער איבער דער וואסער, האָט ער פארשטאנען, אז זײַנע קאָרבאָנעס האָבן זיך אויסגעדרייט פון זײַנע הענט. ער האָט אָנגעהויבן שרײַען נאָך העכער, האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג און זיך אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פאר א הויכן בײַבערגיקן פעלדז. ער האָט אָפּגעבראָכן פונעם פעלדז א ריזיקן שטיין און אים א וואָרף געטאָן אף די אנטלאָפענע, און נאָך דעם שטיין א צווייטן און א דריטן. די שטיקער פעלדז זײַנען מיט א שרעקלעכן קנאַק געפאלן אין וואסער ארײַן, און נאָר באַם סאמע עק האָבן זיי אָנגערירט דעם פליט. נאָר עס האָבן זיך אופגעהויבן אזוינע כוואליעס, אז דער פליט האָט זיך איבערגעקערט, און די אלע, וואָס זײַנען געזעסן אף אים, זײַנען ארײַנגעפאלן אין יאַם ארײַן. סינדבאדס כאווײריִם האָבן זיך באלד פארכלינעט און האָבן זיך אָנגעהויבן טרינקען. זיי האָבן קימאַט אינגאנצן ניט געקענט שווימען, ווײַל זיי זײַנען געווען אָפּגעשוואכט פון

הונגער אונ פונ שרעק. נאָר סינדבאד אליינ אונ נאָכ צוויי סאָברימ פונ די יינגערע האָבנ באוויזנ זיכ אָנצוכאפּנ פארנ פּליט אונ האָבנ זיכ געהאלטנ אפ דער וואסער. די איבעריקע זיינענ, ווי א שטיינ, אראָפּ אפנ גרונט.

סינדבאד האָט מיט גרויס מי ווידער ארופגעקלעטערט אפנ פּליט אונ האָט געהאָלפנ זיינע באוויירימ ארויסקריכנ פונ וואסער. די כוואליעס האָבנ אוועקגעטראָגנ זייער רודער, אונ זיי האָבנ געמוזט שווימענ מיטנ שטראָמ. ס'איז געוואָרנ ליכטיקער. אינגיכנ האָט געדארפט אופגיינ די זונ. סינד־באדס באוויירימ, ציטערנדיק פינ נעצ אונ פונ קעלט, זיינענ געזעסנ אפנ פּליט אונ האָבנ הויכ געקלאָגט, גרייטנדיק זיכ שטארבנ פונ הונגער אונ פונ דאָרשט. סינדבאד איז געשטאַ־נענ אײנער אליינ אפנ עק פּליט אונ האָט זיכ איינגעקוקט אינ דער וויט, טאָמער זעט מענ א ברעג אָדער א זעגל פונ א שיפ.

פּלוצלינג האָט ער זיכ אויסגעקערעוועט צו זיינע באוויי־רימ אונ האָט א געשריי געטאָנ:

— שטארקט זיכ, מיינע פריינט אכמעד אונ כאסאנ! ניט וויט פונדאנענ איז ערד, אונ דער שטראָמ טראָגט אונדז גלייכ צומ ברעג. איר זעט: דאָרט פליענ ארומ פויגלענ איבער דער וואסער, זייערע נעסטנ זיינענ געווים ערגעצ גאָר נאָענט... קיינ פויגלענ פליענ דאָכ ניט אוועק וויט פונ זייערע אויפעלעכ.

אונ אכמעד אונ כאסאנ זיינענ געוואָרנ פרייליכער, אונ

זיי האָבן אופגעהויבן די קעפּ. כאָטש, וואָס האָט געהאַט שאַרפע אויגן, אַזויווי בא אַ שפּאַרבער, האָט אַ קוק געטאָן פאָרויס און האָט געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט, סינדבאַד. דאָרט אינדערווייטנס זע איך אַן אינדזל. אינגיכן וועט דער שטראָם צושלאָגן צו אים אונדזער פּליט, און מיר וועלן זיך אָפּרוען אויף פעסטער ערד.

אונדזערע אויסגעמאַטערטע וועגפאָרער האָבן זיך דערפרייט און האָבן גענומען שנעל שאַרן מיט די פיס, קעדיי מיטצוהעלפן דעם שטראָם. ווען זיי וואָלטן געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אויף דעם דאָזיקן אינדזל!

אינגיכן האָט עס דעם פּליט צוגעשלאָגן צום ברעג, און סינדבאַד און זיינע צוויי כאַווײרים זיינען אַרויס אויף דער טריקעניש. זיי זיינען אַוועק פאָרויס, האָבן געקליבן פון דער ערד יאַגעדעס און קרייטעכצער, און אינגיכן האָבן זיי דערזען אַ שיינעם צעצווייגטן בוים אויפן ברעג פון אַ טייכל. דאָס הויכע געדיכטע גראָז האָט געצויגן צו זיך, זיך צולייגן און זיך אויסשלאָפן.

און סינדבאַד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן בוים און איז באַלד אַנשלאָפן געוואָרן. ס'האָט אים אופגעוועקט עפּעס אַ מאָדנער גערויש, אַזויווי עמעצער וואָלט געריבן קערנער צווישן זייער ריזיקע שטיינער, סינדבאַד האָט אויפגעעפנט די אויגן און איז באַלד אויפגעשפּרונגען פון דער ערד. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ שרעקלעכן דראַקאָן — אַ

שלאנג מיט ברייטע פליגלענ, באדעקט מיט ליסקעס, אונ מיט א מויל ווי בא א וואלפיש, וואָס האָט זיכ געעפנט ביז האלב פונעמ קערפער. דער דראקאָנ איז רויִק געלעגנ אפנ בוימ אונ האָט פויל, מיט א הויכנ כראָמטשענ באוועגט מיט די קינבאקנ. דאָס דאָזיקע כראָמטשענ האָט אופגעוועקט סינדבאדנ, אונ פונ דעמ דראקאָנס פיסק האָבנ ארויסגעשמעקט מענטשישע פיס אינ סאנדאלנ.

„דאָס איז אבמעדס פיס, — האָט סינדבאד א טראכט געטאָנ. — אָט איז אונטער דער קני א געל מוטער-פינטעלע“.

צוביסלעכ איז אבמעד אינגאנצנ פארשוווּנדנ געוואָרנ אינ דעמ דראקאָנס בויכ, אונ דער דראקאָנ האָט לאנגזאמ אוועקגעפויזעט אינ וואלד ארײַנ. אז ער איז פארשוווּנדנ געוואָרנ פונ די אויגנ, האָט סינדבאד זיכ ארומגעקוקט אונ האָט דערזענ, אז ער איז געבליבנ איינער אליינ.

„וווּ-זשע איז כאסאנ? — האָט סינדבאד א טראכט געטאָנ, — צי דענ האָט דער דראקאָנ אימ אויכ אופגעגעסנ?“

— עי, כאסאנ, ווּ ביסטו? — האָט ער א געשריי געטאָנ.

— אָט בינ איכ, — האָט זיכ דערהערט א קאָל ערגעצ פונוויבנ.

סינדבאד האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ האָט דערזענ, אז כאסאנ זיצט צונויפגעקאָרטשעט אפ די נעדריכסטע צווײַגנ פונ דעמ בוימ ניט טויט, ניט לעבעדיק פונ שרעק.

— קריכ דו אויכ ארופ אהער, — האָט ער א געשריי געטאָנ צו סינדבאדנ.

סינדבאד האָט פארכאפט מיט זיכ עטלעכע קאָקאָס־ניס פונ דער ערד אונ האָט ארופגעקלעטערט אפנ בוימ. אימ איז אויסגעקומענ צו זיצנ אפ אנ אייבערשטער צווייג. ס'איז געווענ זייער ניט באקוועמ. כאסאנ האָט זיכ גוט איינגעמאָסטעט נידעריקער אביסל אפ א ברייטנ סוק...

אסאכ שאָענ זיינענ סינדבאד אונ כאסאנ אָפגעזעסנ אפ דעמ בוימ, אונ זיי האָבנ אלע מינוט זיכ געריכט, אז דער דראקאָנ וועט קומענ. ס'האָט אָנגעהויבנ טונקל ווערנ, ס'איז געוואָרנ נאכט. דער שרעקלעכער שלאנג איז נאָכ אלצ ניט געקומענ. צולעצט האָט כאסאנ ניט אויסגעהאלטנ אונ איז אנשלאָפנ געוואָרנ, אזוי זיצנדיק צוגעשפארט מיט דער פלייצע צומ שטאמ פונעמ בוימ, מיט די פיס אראָפגעהאנגענ אראָפ. איינגיכנ איז סינדבאד אויכ אנדרימלט געוואָרנ.

אז ער האָט זיכ אופגעכאפט, איז שוינ געווענ ליכטיק, אונ די זונ איז שוינ געשטאנענ גאנצ הויכ. סינדבאד האָט פארזיכטיק זיכ אָנגעבויגנ אונ א קוק געטאָנ אראָפ צו. כאסאנ איז שוינ אפ דער צווייג מער ניט געווענ. אפנ גראָז אונטערנ בוימ איז געלעגנ זיינ ווייסע טשאלמע אונ ס'האָבנ זיכ געוואלגערט זיינע אָפגענוצטע סאנדאלנ. — אלצ, וואָס ס'איז געבליבנ פונ דעמ אָרעמענ כאסאנענ.

„אימ האָט אויכ אופגעפרעסנ דער שרעקלעכער דראקאָנ,— האָט סינדבאד א טראכט געטאָנ.— אפאָנעמ, אז אפנ בוימ קאָנ מענ זיכ אויכ פאר אימ ניט אויסבאהאלטנ, אונ

ווי קענ מענ זיכ באהאלטנ, אז דער דראקאָנ האָט פליגל, אונ ער קענ פליִענ?"

איצט איז סינדבאד געווענ איינער אליינ אפנ אינדזל. לאנג האָט ער געזוכט עפעס אנ אָרט אפ צו באהאלטנ זיכ פונעמ דראקאָנ, נאָר ארומ אונ ארומ איז קיינ איינ פעלדז ניט געווענ אונ קיינ איינ הייל ניט, נאָר ביימער.

אז ער איז מיד געוואָרנ זובנ, האָט ער זיכ צוגעזעצט אפ דער ערד לעבנ דעמ סאמע ברעג אונ גענומענ קלערנ, וויאזוי זיכ צו ראטעווענ.

— אויב איכ האָב זיכ ארויסגעריסנ פונ די הענט פונעמ מענטשנפרעסער, איז צי דענ וועל איכ איצט דערלאָזנ, אז דער דראקאָנ זאָל מיכ אופעסנ? — האָט ער געזאָגט צו זיכ אליינ. — איכ בינ א מענטש, אונ איכ האָב פארשטאנד, אונ דער פארשטאנד וועט מיר העלפנ איבערצוקליגנ דעמ שלאנג מיט די פליגל. ווו איכ זאָל זיכ ניט באהאלטנ, וועט מיכ דער דראקאָנ פאקנ. איז זאָל ער זיכ צעברעכנ די ציינ אינ מיר.

אונ פלוצלינג האָט פונעמ יאמ א פליוכע געטאָנ א ריזיקע כוואליע אונ האָט ארויסגעוואָרפנ אפנ ברעג א גראָבע ברעט פונ א שיפ. סינדבאד האָט דערזענ די ברעט אונ האָט באלד צוגעטראכט, וויאזוי זיכ צו ראטעווענ. ער האָט געכאפט די ברעט, ער האָט געפונענ אפנ ברעג נאָכ עטלעכע ברעטער, קלענערע, אונ האָט זיי אוועקגעטראָגנ אינ וואלד ארײנ. ער האָט אויסגעקליבנ א ברעט פונ א געהעריקער

מאָם און האָט זי צוגעבונדנ אינ דער ברייט צו זײַנע פיס מיט א שטיקל פאלמע-קאָרע. נאָכ אזא ברעט האָט ער צוגעבונדנ צו דעמ קאָפּ און צווי אנדערע צו דעמ קערפער רעכטס אונ לינקס, אזוי אז ער איז אויסגעקומענ אזויווי אינ א קאסטנ. און דערנאָכ האָט ער זיכ אנידערגעלייגט אפ דער ערד און גענומענ וואַרטנ.

אינגיכנ האָט זיכ דערהערט א קנאקערײַ פונ טרוקענע צווײַגנ און א הויכ ציִשערײַ. דער דראקאָנ האָט דערפילט דעמ רייעכ פונ א מענטשנ, און ער האָט אימ אָנגעהויבנ זוכנ. פונ צווייַגנ די ביימער האָט זיכ באוויזנ זײַנ לאנגער קאָפּ, אפ וועלכנ עס האָבנ, אזויווי כטורקאטישעס, געלויכטנ צוויי גרויסע אויגנ. ער איז צוגעגאנגענ צו סינדבאדנ, האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און האָט ארויסגעשטעקט זײַנ לאנגנ צעצווײַגטנ צונג. פונ גיריקײַט האָט ער געפאטשט מיט די פליגלענ און האָט געקנאקט מיט די קינבאקנ און הויכ געקלונגענ מיט זײַנע ליסקעס. ער האָט פארכידעשט באטראכט דעמ הילצערנעמ קאסטנ, פונ וועלכנ עס האָט אזוי געשמאק געשמעקט מיט מענטש. ער האָט אימ געפרוווט ארײַנכאפּנ און צעריזענ מיט די ציינ, נאָר דאָס קרעפטיקע האָלצ האָט ניט נאָכגעגעבנ. דער דראקאָנ האָט ארומגעשמעקט סינדבאדנ פונ אלע זײַטנ און האָט געפרוווט אראָפרײַסנ פונ אימ דעמ הילצערנעמ פאנצער. נאָר דער פאנצער האָט זיכ געהאלטנ שטארק, און דער דראקאָנ האָט זיכ נאָר צעבראָכנ די ציינ. א צערייצטער, האָט ער צענומענ די פליגל און האָט אָנגעהויבנ פאטשנ מיט זיי

איבער די בּרעטער. די בּרעטער האָבּן א ציטער געטאָן, נאָר זיי האָבּן אויסגעהאַלטן.

לאַנג האָט דער דראַקאָן געהאָרעוועט, נאָר צו סינד־בּאַדן האָט ער זיך ניט דערקליבּן. ענדלעך האָט ער זיך ארויסגעשלאָגן פון די קוילעס און האָט אװעקגעפוױזעט צו־ריק אין װאַלד. דערבּיי האָט ער בּייז געצישעט און מיטן עק צעװאָרפן די בּלעטער.

סינדבּאַד האָט געשווינד אָפּגעבּונדן פון זיך די בּרעטער און איז אופגעשטאַנען פון דער ערד.

„ליגן צווישן בּרעטער איז זייער שווער. נאָר אויבּ דער דראַקאָן וועט מיך טרעפן ניט בּאַשיצט, וועט ער מיך אוּפ־עסן. — האָט סינדבּאַד געטראַכט. — מע דאַרף אַנטלויפן פונעם אינדזל. בּעסער שוין דערטרונקען ווערן אין יאַם. ס'איז ליבּער, איידער אומקומען אין דעם פּיסק פון דעם דראַקאָן, אַזוי ווי מיינע כאַווייריםֿ אַכמעד און כאַסאַן".

און ווידער האָט סינדבּאַד בּאַשלאָסן אויסצומייסטרעווען זיך א פּליט. ער האָט זיך אומגעקערט צום יאַם און האָט אָנגעהויבּן קלייבּן בּרעטער. און פּלוצלינג האָט ער ניט ווייט דערזען ווייסע זעגלען פון א שיף.

די שיף איז צוגעגאַנגען אַלץ נעענטער. א גינסטיקער ווינט האָט זי געטראָגן צו די בּרעגן פונעם אינדזל. סינד־בּאַד האָט אַראָפּגעריסן פון זיך זיין העמד און האָט זיך גענומען אַרומלויפן איבּערן בּרעג, פאָכענדיק מיט דעם העמד און שרייען. די מאַטראָסן האָבּן אים בּאַמערקט, און דער

קאפּיטאַן האָט באַפוילן אָפּצושטעלן די שיף. סינדבאַד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער און איז באַלד צוגעשוואומען צו דער שיף. אין די זעגלען און אין די קליידער פון די מאַטראָסן האָט ער דערקענט, אַז די שיף געהער צו זײַנע לאַנדסלײַט, און, ווירקלעך, דאָס איז געווען אַן אַראַבישע שיף, און געגאַנגען איז זי גלײַך קיין באַסרו.

דער קאַפּיטאַן האָט אַסאַך מײַסעס געהערט וועגן דעם אינדזל, ווו עס לעבט דער שרעקלעכער דראַקאָן, נאָר ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז עמעצער זאָל זיך ראַטעווען פון אים.

די מאַטראָסן האָבן פרײַנטלעך באַגעגנט סינדבאַדן, זיי האָבן אים אָנגעטאָן און אָנגעהאָדעוועט, און נאָך אַ לאַנגן וועג איז ער ענדלעך אָנגעקומען קיין באַסרו, און פונדאָרט איז ער אַוועק קיין באַגדאַד. און כאָטש ער האָט דאָס מאָל ניט געבראַכט צו פירן מיט זיך קיינשום טײַערע זאַכן, איז ער דאָך געווען צופרידן און פרייליך, וואָס ער איז געבליבן לעבן און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, און ער האָט פעסט באַ זיך באַשלאָסן, ער זאָל שוין מער קיינמאָל ניט אַרומפאָרן.

די דריטע רײַזע.

נאָר ס'איז איבערגעגאַנגען ניט קיין סאַך צײַט און ווידער איז סינדבאַדן נימעס געוואָרן צו לעבן אין זײַן פײַנעם הויז אין דער שטאָט פון פרידן (אַזוי הייסט באַ די אַראַ-

בער די שטאָט באגדאד). ווער ס'איז כאָטש איינ מאָל געשווומען איבערנ יאם, ווער ס'איז צוגעווויינט געוואָרנ איינצושלאָפנ אונטערנ ווויענ אונ פייפנ פונ ווינט, יענער קענ ניט איינזיצנ אפ דער פעסטער ערד. נאָר סינדבאדס ווייב אונ זיינע קרוווים האָבנ ניט געוואָלט מיט אים זיך נאָכאמאָל צעשיידנ, אונ זיי האָבנ אים איינגערעדט, אז ער זאָל בלייבנ אינדערהיים.

— אסאך סכוירע האָסטו מיט זיך געבראכט צו פירנ פונ דיינ לעצטער רייזע? — האָבנ זיי צו אים געזאָגט. — זע נאָר, זאָלסט אינגאנצנ דיינ גוטס ניט אָנווערנ, אויב דו ועסט פאָרנ אינ די פרעמדע לענדער, אונ ס'קענ זיך נאָך טרעפנ, דו זאָלסט גאָר אומקומענ!

אונ סינדבאד האָט געהערט אונ געשוויגנ, אונ ער האָט ניט געהאט וואָס צו ענטפערנ זיינע קרוווים. נאָר א שווים טאָג נאָכאמאָל איבערנ יאם האָט זיך אים פאָרט געגלוסט.

אונ אָט איז אים איינמאָל אויסגעקומענ צו פאָרנ ווענג געשעפט אינ דער שטאָט באסרו, ווו דער הימל איז שטענדיק אזוי בלוי אונ די זונ שיינט אזוי קלאָר. ער האָט ווידער דערזענ די דאָזיקע רייכע פרייליכע שטאָט, ער האָט דערזענ שיפנ מיט הויכע מאסטבויימער אונ מיט פארשיידנקאָליריקע זעגלענ — ער האָט דערהערט די געשרייענ פונ מאטראָסנ, וואָס לאָדנ אויס פונ די טריומענ וווּנדערלעכע סכוירעס פונ יענער זייט יאם, אונ ער האָט באשלאָסנ די מינוט זיך קלייבנ אינ וועג אריינ.

זיכ אומקערנ קיינ באגדאד, צונויפקלײַבנ געלט אונ סכוירעס, — אפּ דעמ אלעמענ האָט מענ נית געדארפט קיינ סאכ צײַט. ס'איז קיינ צענ טעג נית איבערגעגאנגענ, אונ סינדבאד איז שוינ ווידער געשווומענ אפּ א גרויסער קרעפּטיקער שיפּ צו די אינדזלענ פונעמ אינדישנ אָקעאנ. צוזאמענ מיט אימ זײַנענ אפּ דער שיפּ געווענ עטלעכע סאָכרימ, אונ געפירט האָט די שיפּ אנ אלטער געניטער קאפּיטאנ מיט א גרויסער קאָמאנדע מאטראָסנ.

צוויי טעג אונ צוויי נעכט איז געשווומענ סינדבאדס שיפּ אינעמ אָפּענעמ יאמ, אונ אפנ דריטנ טאָג, ווענ די זונ איז געשטאנענ פונקט איבער די קעפּ פונ אונדזערע רײַזנדער, האָט זיכ פונדערווײַטנס באוויזנ א קליינ פעלדזיק אינדזעלע. דער קאפּיטאנ האָט באפוילנ צו פארקערעווענ די שיפּ צומ דאָזיקנ אינדזל, אונ אז די שיפּ איז צוגעגאנ נעענטער צומ ברעג, האָבנ אלע דערזענ, אז אינמיטנ הויכט זיכ א ריזיקער קופּאָל, א ווײַסער אונ א פינקלענדיקער מיט א שארפנ שפּיצ.

— ע', קאפּיטאנ! שטעל אָפּ די שיפּ! — האָבנ סינדבאדס כאווײרימ אָנגעהויבנ שרײַענ.

דער קאפּיטאנ האָט געהייסנ אראָפּלאָזנ דעמ אָנקער, אונ אלע סאָכרימ אונ די מאטראָסנ זײַנענ ארויסגעשפּרונגענ אפנ ברעג. סינדבאד איז מיט זיי נית געווענ. ער האָט זיכ אנידערגעלייגט אונטער א זעגל, קעדיי זיכ צו באהאלטנ פונ דער זונ, אונ ער איז אנדרימלט געוואָרנ. ווענ מע האָט זיכ

אָפּגעשטעלט אפן אנקער, האָט זיך סינדבאד אופגעכאפט פונעם שלוים, און ער איז ארויסגעגאנגען אפן מיטן שיפדעק, קעדיי א קוק צו טאָן, פארוואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט די שיף. און פּלוצלינג האָט ער דערזען, אז אלע, וואָס זיינען געווען אף דער שיף: אי די סאָכרים, אי די מאטראָסן, שטייען ארום א ריזיקן ווייסן קופּאָל און באמיִען זיך אים דורכצוברעכן מיט העק און מיט ברעך־אייזנס.

— טוט עס ניט! איר וועט אומקומען! — האָט סינדבאד א געשריי געטאָן. ער האָט מיטאמאָל פארשטאנען, אז דער דאָזיקער קופּאָל איז אן איי פון דעם פויגל רוך, פונקט אזא, ווי ער האָט שוין איינמאָל געזען אף זיין ערשטער רייזע. אויב די זי פון דעם פויגל רוך, וואָס האָט געלייגט דאָס דאָזיקע איי, וועט צופליִען און וועט דערזען, אז מע האָט עס צעבראָכן, וועלן אלע מאטראָסן און די סאָכרים זיך ניט אויסדרייען פון טויט.

נאָר סינדבאדס כאוויירים האָבן אים ניט געפאָלגט, און זיי האָבן נאָך שטארקער אָנגעהויבן קלאפּן איבער דעם איי. ענדלעך האָט די שאָלעכץ געפּלאצט, און פונעם איי האָט א גאָס געטאָן וואסער. דערנאָך האָט זיך פון אים באוויזן א לאנגער שנאָבל, דערנאָך — א קאָפּ און לאפּעס: אינעט איי איז געווען אן אויפעלע. ווען מע זאָל דאָס איי ניט געווען צעברעכן, וואָלט עס געוויס געווען זיך גיך אויסגעפּיקט.

און די מאטראָסן האָבן געכאפּט דאָס אויפעלע, האָבן עס אָפּגעבראָטן און גענומען עסן. בלויז סינדבאד האָט זיך

ניט צוגעריר צום פלייש; ער איז ארומגעלאָפן ארום זײַנע באווײרים און האָט געשריִען:

— ענדיקט גיכער, אַניט וועט קומען דער פויגל רוך און וועט אײַך דערהארגענען!

און פּלוצלינג האָט אינדערלופטן זיך דערהערט א הויכער פּײַפ און א דונערדיקער פּאטשערײַ פון פליגל. די סאָכרים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו דער שיף. גלײַך איבער זייערע קעפּ איז געפלויגן דער פויגל רוך, און אין די נעגל בא אים האָבן זיך געדרייט צוויי ריזיקע שלענג.

און ווען דער פויגל האָט דערזען, אז דאָס איי איז צעבראָכן — האָט ער אזא געשריי געטאָן, אז די מענטשן זײַנען געפאלן אפ דער ערד און האָבן זיך אײַנגעגנורעט מיט די קעפּ אין זאמד. ער האָט ארויסגעלאָזן די שלענג, זיך געדרייט אביסל אינדערלופטן און איז פארשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן. די סאָכרים און די מאטראָסן האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און האָבן מיט אלע קויכעס זיך געלאָזן לויפן צום יאם. זיי זײַנען ארופגעשפּרונגען אף דער שיף, האָבן אויפגעהויבן דעם אנקער, האָבן צעלאָזן די זעגל און האָבן זיך געלאָזן וואָס גיכער שווימען, קעדיי־צו ראטעווען זיך פון דעם שרעקלעכן רוך. מע האָט דעם שוידערלעכן פויגל ניט געזען, און די רײַזנדער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו בארויִקן. ערשט מיטאמאָל האָט זיך ווידער דערהערט א פּאטשן פון פליגל. פונדערווײַטנס האָט זיך

באווייזנ דער פויגל רוכ, נאָר שוינ ניט אליינ. צוזאמענ מיט אים איז געפלויגנ א צווייטער פויגל, נאָכ גרעסער און שרעקלעכער פונעמ ערשטנ. און יעדער פויגל האָט געטראָגנ אינ די נעגל א ריזיקנ שטיינ — א גאנצנ פעלדז.

סינדבאדס כאווײרים האָבנ אָנגעהויבנ ארומלויפנ איבער דעם שיפ-דעק, ניט ווויסנדיק, ווו זיי זאָלנ זיכ באהאלטנ פונ די צערייצטע פויגלענ. אייניקע האָבנ זיכ אנידערגעלייגט אפנ שיפ-דעק, אנדערע האָבנ זיכ באהאלטנ אונטער די זעגלענ, און דער קאפיטאנ איז אומבאוועגלעכ פארגליווערט געוואָרנ אפ איינ אָרט מיט אופגעהויבענע הענט צום הימל: ער האָט זיכ אזוי דערשראָקנ, אז ער האָט זיכ ניט געקענט קיינ ריר טאָנ.

און פלוצלינג האָט זיכ דערהערט א שרעקלעכער קלאפ, ווי א שאָס פונ דעם גרעסטנ הארמאט, און אפנ יאמ האָבנ זיכ אופגעהויבנ ריזיקע כוואליעס. דאָס האָט דער ערשטער רוכ א וואָרפ געטאָנ זײנ שטיינ, נאָר ער האָט ניט געטראָפנ. ווענ דער צווייטער רוכ האָט עס דערזענ, האָט ער מיט גרויס צאָרנ א געשריי געטאָנ און האָט ארויסגעלאָזנ פונ די נעגל זײנ שטיינ איבער דער סאמע שיפ. דער שטיינ איז אראָפגעפאלנ אפנ אונטערדעק. סינדבאדס שיפ האָט א טרישטשע געטאָנ, האָט זיכ אָנגעבויגנ, זיכ נאָכאמאָל אויסגעגלײכט אפ א הויכער כוואליע און האָט אָנגעהויבנ זיכ טרינקענ.

די כוואליעס האָבנ פארגאָסנ דעם שיפ-דעק און האָבנ

אראָפּגעשװענקט אַלע סאָכרים אונ מאטראָסנ. בלויז סינדבאד אַליינ האָט זיך געראטעװעט. ער האָט זיך געכאפּט מיט דער האנט פאר א ברעט פונ דער שיפ, אונ אז די כוואליעס זײנען איינגעשטילט געוואָרנ, איז ער אַרופגעקראָכנ אפ דער ברעט.

צוויי טעג אונ צוויי נעכט האָט סינדבאד זיך ארומגעטראָגנ איבערנ יאמ, אונ ענדלעכ, אפנ דריטנ טאָג, האָבנ די כוואליעס אימ צוגעשלאָגנ צו אנ אומבאוווּסטנ אינדזל. סינדבאד איז ארויסגעקראָכנ אפנ ברעג אונ האָט זיך ארומגעקוקט. ס'האָט זיך אימ אויסגעוויזנ, אז ער איז ניט אפ קיינ אינדזל אינמיטנ יאמ, נאָר אינדערהיימ אינ באגדאד, אינ זײַנ וווּנדערלעכנ גאָרטנ. זײַנע פיס האָבנ געטראָטנ איבער ווייכנ גרינעמ גראָז, אונ אינעמ גראָז האָבנ געבליט בונטע בלומענ. די צווײַגנ פונ די ביימער האָבנ זיך געבויגנ אונטער דער שווערקייט פונ די פרוכטנ. קײַלעכיקע אפעלסינעס, שמעקנדיקע לימענעס, מילגרוימענ, בארג, עפּל האָבנ אזויווי אליינ זיך געבעטנ אינ מויל ארײַנ. קליינינקע פייגעלעכ האָבנ מיט א הויכ צווּיטשערײַ זיך געדרייט אינדערלופטנ. בא שטראָמיקע, ווי זילבער גלאנצנדיקע, טײַכלעכ זײַנענ ארומגעשפרונגענ אונ ס'האָבנ זיך געשפילט אינגלנ. זיי האָבנ זיך ניט דערשראָקנ פאר סינדבאדנ, ווײַל זיי האָבנ נאָכ קיינמאָל קיינ מענטשנ ניט געזענ אונ האָבנ ניט געוווּסט, אז מע דארפ פאר זיי מוירע האָבנ. סינדבאד איז אזוי מיד געוואָרנ, אז ער האָט זיך

קאַם געהאלטנ אפּ די בּים. ער האָט זיכ אָנגעטרונקענ מיט וואסער פונ טײַכל, האָט זיכ אנידערגעלייגט אונטער א בּוים אונ האָט אָפּגעריסנ א גרויסנ עפּל פונ א צווײַגל. נאָר ער האָט ניט באוויזנ אפילע איינ בּיס צו טאָנ, ווי ער איז אנשלאָפנ געוואָרנ מיטנ עפּל אינ דער האנט.

אז ער האָט זיכ אופגעכאפּט, איז די זונ געשטאנענ פּונקט אזוי הויכ ווי דעמלט, ווענ ער איז אנשלאָפנ געוואָרנ, אונ די פייגעלעכ האָבנ געצוויטשערט אפּ די בּיימער. סינדבּאד איז אָפּגעשלאָפנ א גאנצנ טאָג אונ א גאנצע נאכט. ערשט איצטער האָט ער דערפילט, ווי הונגעריק ער איז, אונ ער האָט זיכ זשעדנע צוגעכאפּט צו די פרוכטנ.

דערנאָכ האָט ער זיכ אופגעהויבּנ אונ האָט זיכ געלאָזנ גיינ איבּערנ אינדזל. ער האָט געוואָלט ארומקוקנ דעם דאָזיקנ ווונדערלעכנ אינדזל, אונ ער האָט געהאָפּט, אז ער וועט באגעגענענ מענטשנ, וואָס וועלנ אימ בּרענגענ ערגעצ אינ א שטאָט.

לאנג האָט סינדבּאד ארומגעשפּאצירט איבּערנ בּרעג פונעמ אינדזל, נאָר ער האָט קיינ איינ לעבּעדיקנ מענטשנ ניט געזענ. ענדלעכ, האָט ער באשלאָסנ זיכ אָפּרוענ אבּיסל אונ האָט פארקערעוועט אינ א קליינ וועלדל, וווּ ס'איז געווענ קילער. פּלוצלינג זעט ער: אונטער א בּוים בּא א טײַכל זיצט א קליינ מענטשעלע מיט א לאנגער געקרײַזלטער גרויער בּאָרד, אָנגעטאָנ אינ א העמד פונ בּלעטער אונ פארגארטלט מיט גראָז. דער דאָזיקער אלטינקער איז געזעסנ

בא דער סאַמע וואַסער, אונטערגעלייגט די פיס אונטער זיכ, אונ האָט מיט א ראַכמאָנעס-פּאָנעם געקוקט אפ סינדבאדנ.

— פריד צו דיר, אָ, אלטער! — האָט געזאָגט סינדבאד. — ווער ביסטו אונ וואָס איז דאָס פאַר אַ אינדזל? פאַרוואָס זיצסטו איינער אליינ בא דעם דאָזיקנ טייכל?

דער אלטער האָט קיינ וואָרט ניט געענטפערט סינדבאדנ, נאָר מיט צייכנס האָט ער אימ געבעטנ:

— טראָג מיכ אריבער איבערנ טייכל.

סינדבאד האָט לעבאַטבילע זיכ דערשראָקנ פאַר אָט דעמ שטומענ אלטנ, אונ ער איז געשטאַנענ אונ האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ. דער אלטער האָט נאָכאַמאָל אויסגעשטרעקט צו אימ די הענט, ווי ער וואָלט זיכ געבעטנ בא אימ, אונ סינדבאד האָט א טראַכט געטאָנ:

„אויב איכ וועל אימ אריבערטראָגנ איבערנ טייכל, וועט מיר קיינ שומ שלעכטס ניט געשענ, אונ טאָג א גוטע זאַכ שטערט קיינמאָל ניט. עפּשער וועט דער אלטער מיר באַווײַזנ, ווו איכ זאָל געפינענ מענטשנ, אונ זיי וועלנ מיר העלפנ זיכ אומקערנ קיינ באַגדאַד“.

אונ ער איז צוגעגאַנגענ צו דעמ אלטנ, האָט אימ ארופגעזעצט צו זיכ אפ די אַקסלענ אונ איז אריבערגעגאַנגענ איבערנ טייכל.

אפנ צווייטנ ברעג האָט סינדבאד זיכ אראָפּגעלאָזנ אפ די קני אונ האָט געזאָגט צו דעמ אלטנ:

— קריכ אראָפּ. מיר זײַנען שױן אריבערגעגאַנגען איבערן מײַכל.

דער אלטער אָבער, האָט זיך נאָך שטארקער אײַנגעקלאמערט אין אים און האָט מיט די פיס ארומגעכאפּט זײַן האלדז.

— נאָך לאנג װעסטו זיצן בײַ מיר אױף די אקסלען, דו מיִעסער אלטער? — האָט סינדבאד א געשריי געטאָן און האָט אים געװאָלט אראָפּװארפן אױף דער ערד, נאָר פּלוצלינג האָט דער אלטער זיך הױך צעלאכט און האָט מיט די פיס אזױ צונױפגעקװעטשט סינדבאדס האלדז, אז סינדבאד איז שיִער ניט דערשטיקט געװאָרן.

— װײ איז מיר! — האָט סינדבאד א געשריי געטאָן. — איך בין אנטלאָפן פון די מענטשנפרעסער, איך האָב אָפּגענארט דעם באפליגלטן שלאנג, און איך האָב געצװוּנגען דעם פױגל רוך ער זאָל מיך טראָגן, און איצט װעל איך אלײן מוזן טראָגן אָט דעם מיִעסן אלטן! זאָל ער נאָר אראָפּקריכן און אנשלאָפן װערן, װעל איך אים באלד דערטרינקען אין יאם, און ביז אפּדערנאכט איז שױן ניט לאנג צו װארטן!

נאָר ס'איז געװאָרן אפּדערנאכט, און דער אלטער האָט אפילע ניט געטראכט אראָפּצוקריכן פון סינדבאדס האלדז. ער איז זיך אזױ אנשלאָפן געװאָרן בײַ אים אױף די אקסלען, און ער האָט נאָר אביסעלע אָפּגעלאָזן די פיס. און אז סינדבאד האָט א פרוּװ געגעבן אים שטילערהײט אראָפּצושטופּן

פונ זײנ פּלײצע, האָט דער אלטער אָנגעהויבנ בורטשעטשענ פונ שלאָפ אונ האָט סינדבאדנ א שטארקנ קלאַפּ געטאָנ מיט די פיס. די פיס זײנענ בא אימ געװענ דינע אונ לאנגע, אזױװי בײמלעך.

אונ דער אומגליקלעכער סינדבאד האָט זיך פארװאנדלט אינ א לאסט-קעמל. גאנצע טעג האָט ער מיט דעמ אלטנ אפ דער פּלײצע געמוזט ארומלויפנ פונ אײנ בױמ צומ אנ-דערנ אונ פונ אײנ טײכל צומ צװײטנ. אײב ער איז מיד געװאָרנ אונ איז געגאנג אביסל לאנגזאמער, האָט דער אלטער אימ אָנ ראכמאָנעס געשלאָגנ מיט די פיאטעס אינ די זײטנ אונ האָט אימ צוגויפּגעקװעטשט מיט די קני דעמ האלדז.

אזױ איז דורכגעגאנגענ אסאך צײט: א חודעש אָדער מערער. סינדבאד האָט שױנ פארלאָרנ די האָפענונג זיך צו באפרײענ, אונ אָט האָט זיך געטראָפנ, אז אײנמאָל האלבנ טאָג. װײנ די זונ האָט באזונדערס שטארק געבראָטנ, איז דער אלטער בא סינדבאדנ אפ די אקסלענ אנשלאָפנ געװאָרנ מיט א געשמאקנ שלאָפ, אונ סינדבאד האָט באשלאָסנ אָפּ-צורוענ ערגעץ אונטער א בױמ. ער האָט אָנגעהױבנ זוכנ א שאָטנדיק אָרט אונ איז בארגאנגענ אפ א לאָנקע, װו ביז איצט איז ער נאָך אפילע קײנמאָל ניט געװענ. אפ דער דאָזיקער לאָנקע זײנענ געװאקסנ אסאך ארבוזעס, די גרײס װי א קינדערישער קאָפּ, אונ אנדערע פונ זײ זײנענ געװענ אויסגעטריקנטע.

„די דאָזיקע ארבוזעס װעלנ מיר געװיס צונוצ קומענ, —

האָט סינדבאד א טראכט געטאָנ — אונ ס'איז מעגלעכ, אז זיי וועלנ מיר אפילע העלפנ אראָפצווארפנ פונ זיכ אָט דעמ בייזנ אלטנ".

באלד האָט ער אויסגעקליבנ עטלעכע ארבוזעס, וואָס גרעסערע, אונ ער האָט זיי אויסגעהוילט מיט א שארפ שטעקעלע. דערנאָכ האָט ער אָנגעקליבנ די סאמע צײטיק=סטע ווײנטרויבנ, האָט זיי אָנגעשטאָפּט אינ די ארבוזעס אונ האָט זיי שטײפ פארקאָרקעוועט מיט בלעטער. דערנאָכ האָט ער אוועקגעשטעלט די ארבוזעס אפ דער זונ אונ איז אוועק פונ דער לאָנקע, שלעפנדיק אפ זיכ דעמ אלטנ, אונ דרײ טעג האָט ער זיכ אהינ ניט אומגעקערט.

אונ אפנ פערטנ טאָג איז סינדבאד ווידער געקומענ צו זײנע ארבוזעס (דער אלטער איז, ווי יענע מאָל, געשלאָפנ בא אימ אפ די אקסלענ), אונ ער האָט ארויסגענומענ די בלע=טער=קאָרקעס, מיט וועלכע עס זײנענ געווענ פארשטאָפּט די ארבוזעס. ס'האָט אימ א שלאָג געטאָנ אינ נאָז א שטאר=קער אָנגענעמענער ריח: די ווײנטרויבנ האָבנ אָנגעהויבנ שפּילנ אונ זייער זאפט איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ ווײנ.

דאָס האָט טאקע סינדבאד געדארפט. ער האָט פאָר=זיכטיק ארויסגענומענ די ווײנטרויבנ אונ האָט אויסגע=קוועטשט פונ זיי דעמ זאפט גלײכ אינ די ארבוזעס ארײנ, אונ דערנאָכ האָט ער זיי ווידער פארקאָרקעוועט אונ אני=דערגעשטעלט אינ שאָטנ. איצט האָט מענ געדארפט ווארטנ, אז דער אלטער זאָל זיכ אופכאפנ פונ שלאָף.

דאָס איז געווענ דאָס ערשטע מאָל, וואָס סינדבאַדנ האָט זיכ געוואָלט ער זאָל זיכ אופכאַפנ. אינגיכנ האָט דער אַלטער זיכ אַנגעהויבנ רודערנ באַ סינדבאַדנ אַפ די אַקסלענ, אונ ער האָט אימ א קלאַפ געטאָנ מיט די פּיאַטעס. דעמלט האָט סינדבאַד אויסגעקליבנ די סאַמע גרעסטע אַרבוזע, האָט זי אָפגעקאָרקעוועט אונ א זופ געטאָנ א ביסל זאַפט. דער וויַנ איז געווענ שטאַרק אונ זיס. סינדבאַד האָט א קנאַק געטאָנ מיטנ צונג פונ פאַרגעניגנ, אונ ער האָט אָנגעהויבנ טאַנצנ אַפ איינ אָרט אונ געהעצקעט דעמ אַלטנ. אונ דער אַלטער, ווענ ער האָט דערזענ, אַז סינדבאַד האָט עפעס געטרונקענ א געשמאַקע זאַכ, האָט זיכ אימ אויכ פאַרגלוסט פאַרזוכנ.

— גיב מיר אויכ. — האָט ער מיט צייכנס באַוויזנ סינדבאַדנ.

אונ סינדבאַד האָט אימ דערלאַנגט די אַרבוזע, אונ דער אַלטער האָט מיט איינ אָטעמ אויסגעטרינקענ פונ איר דעמ גאַנצנ זאַפט. ביז איצט האָט ער נאָכ קיינמאָל ניט פאַרזוכט קיינ וויַנ, אונ ס'איז אימ זייער געפעלנ געוואָרנ. אינגיכנ האָט ער אָנגעהויבנ זינגענ אונ לאַכנ, פּאַטשנ מיט די הענט אונ קלאַפנ מיט די פויסטנ איבער סינדבאַדס האַלדז, אונ סינדבאַד האָט אויכ געלאַכט אונ געטאַנצט אונ געוואָרפנ מיט די פיס אינ אַלע זיַיטנ.

נאָר אָט איז דעמ אַלטנס געלעכטער געוואָרנ אַלצ שטילער אונ שטילער, אונ צומ סאָפ איז דער אַלטער אַנשלאָפנ

געוואָרנ מיט א שטארקנ שלאָפ, אונ דער קאָפ האָט זיכ בא אימ אראָפּגעלאָזנ אפ דער ברוסט. זײַנע פיס האָבנ צופימלעכווײַז זיכ צענומענ, אונ סינדבאד האָט אימ גרינג אראָפּגעוואָרפנ פונ דער פּלייצע. ווי גוט ס'האָט זיכ דערפיקט סינדבאד, ווענ ער האָט ענדלעכ געקענט אויסגלײַכנ זײַנע אקסלענ. פונ פרייד האָט ער אָנגעהויבנ שפּרינגענ ארומ דעמ אלטנ, קנאקנ מיט די פינגער, זינגענ. דערנאָכ האָט ער אימ א זעץ געטאָנ מיט דעמ פוס אונ האָט געזאָגט:

— איכ האָב אפ דיר ראכמאָנעס געהאט, אונ איכ האָב דיכ איבערגעטראָגנ איבערנ טײַכל, אונ דו, אומדאנקבארער, האָסט זיכ אנידערגעזעצט אפ מיר רײַטנדיק אונ וואָסט ניט געוואָלט אראָפּקריכנ. איז ליג=זשע איצט דאָ, ביז דו וועסט זיכ ניט אופכאפּנ, קיינער וועט דיכ שוינ מער ניט ארומטראָגנ, אונ אויב מיר וועט ניט געלינגענ זיכ ארויסצוקלײַבנ פונדאנענ, וועל איכ זיכ אנידערזעצנ אפנ ברעג, אונ ווענ איכ וועל גאָר זענ, וועל איכ זאָגנ: „אפ דעמ אינדזל וווינט א מיעסער אונ א בייזער אלטיטשקער, איר זאָלט אימ ניט הערנ, אונ איר זאָלט ניט טאָנ, וואָס ער וועט אײַכ בעטנ“. אונ דו וועסט אוועקשטארבנ פונ הונגער אונ פונ דאָרשט.

אונ דערנאָכ איז סינדבאד אוועקגעגאנגענ פונ דעמ אלטנ, אונ א גאנצנ טאָג האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבערנ אינדזל. ער האָט אָפּגעלעבט אפנ אינדזל נאָכ אסאכ טעג אונ איז אלץ ארומגעגאנגענ אפנ ברעג פונ יאמ אונ האָט

אויסגעקוקט, צי זעט מען ניט ערגעץ א זעגל. צום סאָף האָט איגדערוויילנס זיך באוויזן א גרויסע שיף, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום אינדזל. סינדבאַד האָט זיך זייער דערפרייט, ער האָט אָנגעהויבן שרייען און אומלויפן הין און צוריק און מאַכן מיט די הענט. און אַז די שיף איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט סינדבאַד זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער און האָט זיך געלאָזט שווימענדיק אַנטקעגן דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט באַמערקט סינדבאַדן און האָט געהייסן אָפּשטעלן די שיף. סינדבאַד האָט, ווי אַ קאַץ, אַרויפגעקלעטערט אויף באָרט, און לעכאַטשילע האָט ער קיין איין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן, ער האָט נאָר אַרומגענומען דעם קאַפּיטאַן און די מאַטראָסן און האָט געוויינט פון פרייד. די מאַטראָסן האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, נאָר סינדבאַד האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי רעדן. ס'איז צווישן זיי קיין איין אַראַבער ניט געווען, און קיין איינער פון זיי האָט ניט גערעדט אויף אַראַביש. זיי האָבן אָנגעהאָדעוועט סינדבאַדן, אָנגעטאָן אים און האָבן אים געגעבן אַן אָרט אין קאַיוטע, און סינדבאַד איז געפאָרן מיט זיי אַ סאַך טעג און נעכט, ביז די שיף איז ניט צוגעשטאַנען צו עפּעס אַ שטאָט.

דאָס איז געווען אַ גרויסע שטאָט מיט גרויסע ווייסע הייזער און מיט ברייטע גאַסן. פון אַלע זייטן איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג, באַוואַקסענע מיט געדיכטן וואַלד. די גאַסן און די פּלעצער זיינען געווען פול מיט מענטשן, און אַלע זיינען זיי געווען שוואַרצע מיט ווייסע

ציינ און רויטע ליפּנ. סינדבאד איז ארויס אפנ ברעג און האָט זיך געלאָזן ארומפּלאָנקענ איבער דער שטאָט. אפ א גרויסנ פּלאַץ איז געווענ דער גרעסטער שטאָטישער מארק. דאָרט זיינענ געווענ אכאכ קלייטנ, און עס האָבנ געהאנדלט אינ זיי סאָכרימ פונ פארשיידענע לענדער, און האָבנ אויסגערופנ די נעמענ פונ זייערע סכוירעס. דאָ זיינענ געווענ פערסנ, אינדיאנער, פראנקנ*), טערקנ, כינעזער.

סינדבאד איז געשטאנענ אינמיטנ מארק און האָט געקוקט אינ אלע זייטנ. און פּלוצלינג איז פארביי אימ דורכגעגאנגענ א מענטש מיט א גרויסנ ווייסנ טורבאנ אפנ קאָפּ און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א קלייטל פונ א קופּערשמיד. סינדבאד האָט זיך שטארק איינגעקוקט אינ אימ און האָט געזאָגט צו זיך אליינ:

„ביי דעמ דאָזיקנ מענטשנ איז פונקט אזא כאלאט, ווי ביי מיינ פריינט כאדזשי=מוכאמעד פונ דער רויטער גאס, און דער טורבאנ איז ביי אימ צונויפגעדרייט אפ אונדזער שטייגער. איכ וועל צוגיינ צו אימ, און איכ וועל אימ פרעגנ, צי איז ער ניט פונ באגדאד“.

און דער מענטש מיטנ טורבאנ האָט דערווייל אויסגעקליבנ א גרויסע גלאנצנדיקע טאצ און א קריגל מיט א לאנג שמאָל העלדזל און האָט דערפאר באצאָלט דעמ קופּערשמיד צוויי גאָלדענע דינארעס און איז אוועק צוריק. ווענ ער

*) פראנקנ — אזוי הייסנ אייראָפּייער ביי אראבער.

האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט סינדבאַדן, האָט סינדבאַד זיך נידעריק פאַרנויגט פאַר אים און האָט געזאָגט: —

— פריד צו דיר, אָ, כאַשעווער סויכער! זאָג מיר, פונוואַנען ביסטו אַ געבוירענער, ניט פון באַגדאַד אָקאָרשט, פון דער שטאָט פון פרידן?

— אַ גרוס צו דיר, מײַן לאַנדסמאַן! — האָט דער סויכער פריילעך געענטפערט. — אין דײַן לאָשן האָב איך באַלד דערקענט, אַז דו ביסט אויך אַ באַגדאַדער. שוין צען יאָר ה.. איך אין אָט דער שטאָט, און איך האָב ביז איצט קיין איין מאָל ניט געהערט די אַראַבישע שפּראַך. קום צו מיר, און מיר וועלן שמועסן פון באַגדאַד, פון זײַנע גערטנער און פּלעצער.

און דער סויכער האָט אַרומגענומען סינדבאַדן און צוגעדריקט אים צו זײַן ברוסט. ער האָט געבראַכט סינדבאַדן צו זיך אַהיים, האָט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און זיי האָבן ביז פאַרנאַכט גערעדט וועגן באַגדאַד און וועגן זײַנע וווּנדער. סינדבאַדן איז געווען אַזוי ליב צו דערמאָנען זײַן היימלאַנד, אַז ער האָט אַפילו ניט געפרעגט דעם באַגדאַדער, ווי אַזוי רופט מען אים, און ווי אַזוי רופט מען די שטאָט, אין וועלכער ער געפינט זיך איצט. און אַז ס'האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, האָט דער באַגדאַדער געזאָגט צו סינדבאַדן:

— אָ, לאַנדסמאַן, איך וויל דיר ראַטעווען דאָס לעבן און דיך מאַכן רײַך. הער-זשע מיך אויס מיט קאָפּ און טראַזוי,

ווי איך וועל דיר הייסן. דו ווייסט, אז די שטאָט רופט מען די שטאָט פון שווארצע, און אלע איינוווינער אירע זיינען ציגיינער און זייענדיק. זיי לעבן אין זייערע הײַזער נאָר באַטאָג, און אין אָוונט זעצן זיי זיך אפּ שיפֿלעך און פֿאָרן ארויס אין ים. ווי נאָר ס׳ווערט נאכט, קומען אין שטאָט ארײַן מאלפּעס פון וואלד, און אויב זיי געפֿינען א מענטשן אין גאס, הארגענען זיי אים. און אינדערפֿרי גייען די מאלפּעס ווידער אוועק, און די זינדזשעס קערן זיך אום. איינציקן וועט ווערן גאָר פינצטער, און די מאלפּעס וועלן זיך באַווײַזן אין שטאָט. טאָ זעץ זיך מיט מיר אין שיפֿל און לאָמיר אוועקפֿאָרן, אז ניט וועלן די מאלפּעס דיך דערהארגענען.

— א דאנק דיר, לאנדסמאן, פאר אלץ, וואָס דו האָסט געטאָן פאר מיר! — האָט אויסגערופֿן סינדבאד. — זאָג מיר דײַן נאָמען, קעדיי איך זאָל אים קענען אָנרופֿן פאר מײַנע פרײַנט, און מיר זאָלן וויסן, ווער האָט מיר געטאָן אזוי פיל גוטס.

— מיך רופֿט מען מאנסור פלאטשנאָז — האָט דער באנדער געענטפֿערט. — קום גיכער, אויב דו ווילסט ניט ארײַנפֿאלן צו די מאלפּעס אין די לאפּעס ארײַן. סינדבאד און מאנסור זײַנען ארויס פון שטוב, און זיי זײַנען אוועק צום ים. אלע גאסן זײַנען געווען פול מיט מענטשן. מאנצבלען, פרויען און קינדער, פלאָנטערנדיק זיך אין די פאָלעס

---

*) אזוי הייסן די נעגערס בא די אראבער.

פונ זייערע כאַלאַטנ, שטרויכלענדיק זיך אונ פאַלנדיק, זײַנענ געלאָפנ צום ברעג. בײַ יעדערנ איז אינ די הענט געווענ אַ קליינ פּעקעלע מיט שפּײַז אױפ נאַכט.

געקומענ אינ האַפנ, האָט מאַנסור אָפּגעבונדנ זײַנ שיפל אונ איז אַרײַנגעשפּרונגענ אינ דעמ צוזאַמענ מיט סינדבאַדנ. זיי זײַנענ אָפּגעפאָרנ אַביסל פונ ברעג, אונ מאַנסור האָט געזאָגט:

— באַלד וועלנ אַרײַנגײן אינ שטאָט אַרײַנ די מאַלפּעס, — קוק זיך צו!

אונ פּלוצלינג האָבנ די בערג, וואָס רינגלענ אַרומ די שטאָט פונ שוואַרצע, זיך באַדעקט מיט לויפנדיקע פּײַערלעך. די פּײַערלעך האָבנ זיך געקוילקלט פונ אויבנ אַראָפּ, אונ זיי זײַנענ געוואָרנ אַלץ גרעסער אונ גרעסער. צומ סאָפּ זײַנענ זיי צוגעגאַנגענ גאָר נאָענט צו דער שטאָט, אונ אױפנ גרויסנ פּלאַץ האָבנ זיך באַוויזנ מאַלפּעס, וואָס האָבנ געטראָגנ סטורקאַטשעס אינ די פאָדערשטע לאַפּעס אונ האָבנ באַלויכטנ דעמ וועג.

די מאַלפּעס האָבנ זיך צעשאָטנ איבערנ מאַרק, זיי האָבנ זיך אַרײַנגעזעצט אינ די קלייטנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ האַנדלענ: אייניקע האָבנ פאַרקויפט אונ אַנדערע האָבנ געקויפט. אינ די גאָרקיכנ האָבנ די מאַלפּעס־קעכערס געבראָטנ שאָפּנ־פלייש, געקאָכט רײַז אונ געבאַקנ ברויט. די קוינימ, אויך מאַלפּעס, האָבנ אָנגעטאָסטנ כאַלאַטנ, אויסגעקליבנ געשיר, צײַג. זיי האָבנ זיך געקריגט אונ זיך געשלאָגנ צווישנ

זיכ. אזוי האָט עס געדויערט ביז באגינענ. אונ אז דער הימל אינ מיזרעכ־זײַט האָט אָנגעהויבנ צו העלנ, האָבנ די מאלפעס זיכ אויסגעשטעלט אינ רייענ אונ זײַנענ אוועק פונ שטאָט. די אײַנוווינער האָבנ זיכ אומגעקערט אינ זייערע הײַזער, אונ ווידער האָט זיכ אינ שטאָט אָנגעהויבנ דער האנדל, אזוי ווי פריִער.

אונ מאנסור פלאטשינאָז האָט ווידער געבראכט סינדבאדנ צו זיכ אהיימ אונ האָט אימ געזאָגט:

— שוינ לאנג ווינ איכ אינ דער שטאָט פונ שווארצע, אונ איכ בענק שטארק אהיימ. אינגיכנ וועלנ מיר מיט דיר צוזאמענ אוועקפאָרנ קיינ באגדאד. נאָר פריִער דארפסטו זיכ צונויפשלאָגנ וואָס מער געלט, אז ס'זאָל דיר קיינ כארפע נימ זײַנ זיכ אומצוקערנ אהיימ... טאָ הער, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ. די בערג ארומ דער שטאָט פונ שווארצע זײַנענ באדעקט מיט וואלד, אונ אינ דעם דאָזיקנ וואלד וואקסנ אסאכ פאלמעס מיט זייער גוטע קאָקאָס־נים. די זינדזשעס האָבנ זייער ליב אָט די נים, אונ זיי זײַנענ גרייט אָפצוגעבנ פאר זיי אסאכ גאָלד אונ טײַערע שטיינער. נאָר די פאלמעס אינ וואלד זײַנענ אזוינע הויכע, אז קיינ איינ מענטש קענ נימ דערלאנגענ די נים, אונ קיינער ווייסט נימ קיינ מיטל, וויאזוי זיי צו דערלאנגענ. איכ וועל דיכ אויסלערנענ, וויאזוי צו דערלאנגענ די נים. מאָרגנ וועלנ מיר גייִנ אינ וואלד, אונ דו וועסט זיכ אומקערנ פונדאָרט א גוויר.

דעם צווייטן פרימאָרגן, ווי נאָר די מאַלפּעס זײַנען אַוועק פון שטאָט, האָט מאַנסור אַרויסגעפּראָגן פון קאַמער צוויי גרויסע שווערע זעק און האָט אַרופגעוואָרפן איינעם זיך אויף די אַקסלען און דעם צווייטן האָט ער געהייסן סינדבאַדן טראָגן, און האָט געזאָגט:

— גיי נאָך נאָך מיר און קוק. וואָס איך וועל טאָן, כּוֹ דאָס זאָלסטו, און ס'וועט זיך דיר אײַנגעבן צו קריגן אַזוי פיל ניס, וואָס בײַ קיינעם דאָ אין שטאָט איז אַזוי פיל ניט פאַראַן. קום!

און סינדבאַד מיט מאַנסורן זײַנען אַוועק אין וואַלד, און זיי זײַנען געגאַנגען זייער לאַנג: אַ שעה אָדער צוויי. ענדלעך זײַנען זיי געקומען, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויס פּאַלמע־וועלדל. אויף יעדער פּאַלמע זײַנען געזעסן עטלעכע מאַלפּעס. אַז זיי האָבן דערזען מענטשן, האָבן זיי אַרופגעקלעטערט אויף די שפּיצן פון די ביימער, האָבן ווילד געשטשירעט מיט די ציין און אָנגעהויבן הויך ברומען. סינדבאַד האָט לעבאַטכילע זיך דערשראָקן און האָט שוין געוואָלט אַנטלויפן, נאָר מאַנסור האָט אים אָפּגעשטעלט און האָט אים געזאָגט:

— צעבינד דײַן זאַק און טו אַ קוק, וואָס ליגט דאָרטן. סינדבאַד האָט צעבונדן דעם זאַק, און ער האָט דערזען, אַז ער איז פול מיט קײַלעכדיקע גלאַטע שטיינדלעך — יאַמשטיינדלעך. מאַנסור האָט אויך צעבונדן זײַן זאַק, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ זשמעניע שטיינדלעך און אַ וואָרף

געטאָנ אפ די מאלפעס. די מאלפעס האָבנ אָנגעהויבנ שרײַענ נאָכ העכער אונ האָבנ גענומענ קריכנ איבער די ביימער אונ איבערשפרינגענ פונ איינ צווײַגל אפ דעמ צווייטנ, קעדיי זיכ אויסצובאהאלטנ פונ די שטיינער, נאָר ווו זיי זײַנענ ניט אנטלאָפנ, האָט מאנסור זיי אומעטומ דערלאנגט. דעמלט האָבנ די מאלפעס גענומענ רײַסנ ניס פונ די פאלמעס אונ ווארפנ זיי אפ סינדבאדנ אונ אפ מאנסורנ. מאנסור אונ סינדבאד זײַנענ ארומגעלאָפנ צווישנ די מאלפעס, האָבנ זיכ געלייגט, זיכ צוגעזעצט, זיכ באהאלטנ צווישנ די ביימער אונ נאָר איינער אָדער צוויי ניס האָבנ זיי געטראָפנ. אינגיכנ איז די גאנצע ערד ארומ אונ געווענ באשאָטנ מיט די גרעסטע אונ מיט די בעסטע ניס.

ווענ אינ די זעק איז שוינ מער ניט געווענ קיינ שטיינדלעכ, האָט מאנסור אונ סינדבאד זיי אָנגעפילט מיט ניס, אונ זיי האָבנ זיכ אומגעקערט אהיימ. זיי האָבנ די ניס פארקויפט אפנ מארק אונ האָבנ אָפגעלייזט פאר זיי אזוי פיל גאָלד אונ טײַערע שטיינער, אז זיי האָבנ עס קאמ דערשלעפט אהיימ. אפנ צווייטנ טאָג זײַנענ זיי ווידער געגאנגענ אינ וואלד אונ האָבנ ווידער אָנגעקליבנ אזוי פיל ניס, ווי דאָס ערשטע מאָל.

אזוי זײַנענ זיי געגאנגענ אלע צענ טעג. אונ צומ סאָפ, ווענ אלע קאמערס בא מאנסורנ אינ שטוב זײַנענ שוינ געווענ פול, אונ דאָס גאָלד איז שוינ ניט געווענ וווּהינ אהינצוטאָנ, האָט מאנסור געזאָגט צו סינדבאדנ :

— איצט קענען מיר דינגען א שיף און זיך לאָזן פאָרן אין באגדאד.

און זיי זײַנען אוועק צום יאם, האָבן אויסגעקליבן די בעסטע גרעסטע און שטארקסטע שיף, אָנגעפילט דעם טריום אירן מיט גאָלד און מיט טײַערע שטיינער און האָבן זיך געלאָזן אין וועג ארײַן.

דאָס מאָל איז דער ווינט געווען א גינסטיקער און קיין שום אומגליק האָט זיי ניט פארהאלטן אין וועג. איינגיכן זײַנען זיי אָנגעקומען אין באסרו, האָבן געדונגען א קאראַוואן קעמלען, זיי אָנגעלאָדן מיט גאָלד און זיי זײַנען געקומען קיין באגדאד.

דאָס ווײַב און די קרוויים האָבן באגעגנט סינדבאדן מיט גרויס פרייד. איצט האָט שוין קיינער ניט געקענט קיין טײַנעס האָבן צו אים, אז ער האָט זיך אומגעקערט מיט גאָרניט. סינדבאד האָט צעטיילט זײַנע קרוויים און זײַנע פרײַנט אסאך גאָלד און טײַערע שטיינער און האָט זיך אָנגעהויבן לעבן רויק בא זיך אינדערהיים. ווידער פלעגן קומען צו אים סאָחרים, און זיי האָבן געהערט זײַנע מעשׂים פון דעם, וואָס ער האָט געזען און וואָס ס׳האָט זיך מיט אים געטראָפן אין דער רײַזע.

די פערטע רײַזע.

נאָך ס׳איז איבערגעגאנגען אביסל צײַט און סינדבאדן האָט זיך ווידער פארוואָלט צו פאָרן אין פרעמדע לענדער.

דאָס מאָל האָט אים שוינ קײנער ניט אָפּגעהאלטנ. אפילע זײַנ װײַב האָט אים געזאָגט:

— באטש ס'טוט מיר באנג זיכ װידער צעשײדנ מיט דיר, סינדבאד, נאָר פונדעסטװעגנ פאָר. עפּשער װעסטו ברענגענ נאָכ טײַערע זאכנ.

סינדבאד איז אװעקגעפאָרנ קײנ באסרע און האָט זיכ װידער אױסגעקליבנ א גוטע שיפ. ער האָט אָנגענומענ א קאָמאנדע מאטראָסנ און האָט זיכ געלאָזט אינ װעג ארײַנ.

צװאנציק טעג און צװאנציק נעכט איז געגאנגענ די שיפ, געטריבנ פונ א גינסטיקנ װינט. און אפנ אײנ=און=צװאנציקסטנ טאָג האָט א בלאָז געטאָנ אנ אנטקעגנדיקער װינט, און אפנ יאמ האָבנ זיכ אופגעהױבנ גרױסע כװאליעס, און ס'האָט זיכ צעגאָסנ אינדערלופטנ אזא געדיכטע פינצטערנײַ, אז מע האָט ניט געקענט זענ די אײגענע האנט, און סינדבאד האָט שוינ פארלאָרנ די האָפענונג זיכ צו ראטעװענ. און דער װינט האָט אלצ געבלאָזנ אנטקעגנ דער שיפ, און די כװאליעס האָבנ געשמיסנ איבער דעמ שיפ=דעק, ביז ס'האָט זיכ באװיזנ די מאָרגנשײַנ און דעמלט איז דער װינט שטיל געװאָרנ. דער יאמ האָט זיכ בארויקט און ס'האָט אָנגעהױבנ שײַנענ די זונ. און ס'האָט זיכ ארױסגעװיזנ, אז דער שטורעמ=װינט האָט צוגעטריבנ די שיפ צו עפעס אנ אומבאװוסטנ אינדזל. די שיפ איז געשטאנענ צװײ טעג בא דעמ אינדזל און האָט זיכ װידער געלאָזנ אינ װעג ארײַנ. זי איז געשװומענ נאָכ צװאנציק טעג, געטריבנ

פינ ווינט, אונ דער קאפיטאנ האָט אופגעהערט צו דערקע־
נענ דעמ יאמ אונ האָט זיכ אראָפּגעשלאָגנ פונ וועג. ער
האָט געהייסנ איינעמ פונ די מאטראָסנ א קוק טאָנ, צי זעט
מענ ניט קיינ ערד, אונ דער מאטראָס איז ארופגעקראָכנ
אפנ מאסטבוימ אונ האָט א געשריי געטאָנ:

— אָ, קאפיטאנ, איכ זע פונ דער רעכטער זײַט א גרויסנ
פיש אפ דער אויבערפלאכ פונ דער וואסער אונ אינדער־
ווײַטנס זע איכ עפּעס אזוינס, וואָס ס'דוכט זיכ, אז אָט איז
עס שווארצ אונ אָט איז עס ווײַס!

אונ פלוצלינג האָט דער קאפיטאנ אראָפּגעריסנ פונ זיכ
דעמ טורבאנ אונ האָט אימ א וואָרפ געטאָנ אפ דער ערד.
ער האָט צעריסנ זײַנ כאלאט אונ האָט אויסגעפליקט בא
זיכ א שטיק באָרד אונ האָט אָנגעהויבנ צו שרײַענ אונ צו
קרעכצנ. סינדבאד האָט בא אימ געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, קאפיטאנ מוכאמעד?

— זײַ וויסנ, אָ, סינדבאד, — האָט דער קאפיטאנ געענט־
פערט, — אז מיר וועלנ אלע אומקומענ, אונ קיינער פונ אונדז
וועט זיכ ניט ראטעווענ!

— דערצייל אונדז, וואָס האָט געזאָגט דער מאטראָס
פונעמ מאסטבוימ, — האָט געפרעגט סינדבאד.

— ער האָט געזענ א בארג, וואָס רופט זיכ מאגנעט־
בארג, — האָט דער קאפיטאנ געענטפערט. — אז סע שײַנט אפ
אימ די זונ, גלאנצט ער אונ פינקלט אונ ס'דאכט זיכ, אז
ער איז א ווײַסער, אונ אז די זונ ווערט פארדעקט מיט

כמארעס, ווײַזט זיך אויס, אז דער בארג איז א שווארצער. מאָרגן אינדערפרי וועט דער שטראָם אונדז צוטרײַבן צו דעם מאגנעט=בארג און אלע צוועקעס, וואָס זײַנען דאָ אפ דער שיפ, וועלן ארויספליִען פון די ברעטער און וועלן צושטיין צו דעם בארג, ווײַל דער מאגנעט=בארג האָט אין זיך אזא קויעך, וואָס ציט צו אײַזן.

און דער קאפיטאן האָט ביטער געוויינט, און סינדבאד איז שוין זיכער געווען, אז ער וועט אומקומען, און ער האָט זיך געגנומען געזעגענען מיט די מאטראָסן, וואָס זײַנען געווען אפ דער שיפ. א גאנצע נאכט האָט די שיפ זיך געשווינד געטראָגן צו דעם מאגנעט=בארג, און קיינער אפ דער שיפ האָט ניט געקענט שלאָפן פון גרויס מוירע און שרעק. און אז ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט סינדבאדס שיפ אָנגעהויבן אומעטיק סקריפען און האָט זיך אָפגעשטעלט, און מיטאמאָל זײַנען אלע צוויעקעס ארויסגעפלויגן פון די ברעטער און, ווי א כמארע, זײַנען זיי אוועקגעפלויגן צו דעם מאגנעט=בארג, פונקט ווי א טשאטשע פייגעלעך, וואָס מע האָט אפ זיי א וואָרפ געטאָן א שטיין. די שיפ איז געשטאנען נאָך א מינוט און איז מיטאמאָל צעפאלן געוואָרן. און אלץ, וואָס אפ איר איז געווען, איז ארײַנגעפאלן אין וואסער ארײַן. די מאטראָסן האָבן גוט געקענט שווימען, און זיי זײַנען ארופגעשווומען אפ דער וואסער, נאָר די כוואליעס האָבן זיי צעשלײַדערט אין פארשיידענע זײַטן, און זיי האָבן איינער דעם אנדערן ניט געזען. נאָר סינדבאדן איז געלונגען זיך

אָנגעכאַפּט אַ פּאָר אַ פּעלדז, וואָס האָט ארויסגעשטאָרטשעט פֿון דער וואַסער באַם סאַמע ברעג, און ער איז ארויסגעקראָכן אַף דער טרוקעניש.

ער האָט דערזען, אַז ער געפֿינט זיך אַף אַ וויסטן אינדזל, וווּ ס'איז ניטאָ ניט קיין ביימער, ניט קיין פֿייגל. אַרום און אַרום האָבן זיך געוואַלגערט ברוכשטיקער פֿון שיפֿן, וואָס דער יאַם האָט ארויסגעוואָרפֿן, און עס זײַנען געלעגן בערג מיט גאָלד און מיט טײַערע שטיינער: די יאַם-גאַזלאָנים פֿלעגן באַהאַלטן דאָס גאָלד אין אײַזערנע קאַסטנס, און האָבן זיי באַהאַלטן אין די טריומען פֿון די שיפֿן, און אַז דער מאַגנעט-באַרג פֿלעג צוציִען צו זיך די קאַסטנס, פֿלעגן זיי פֿון דעם קלאַפּ אין די זײַטן פֿון באַרג צעבראָכן ווערן, און אַלץ, וואָס אין זיי איז געווען, האָט זיך אויסגעשאָטן אַף דער ערד.

טרויעריק איז געוואָרן סינדבאַד, ווען ער האָט דערזען דאָס גאָלד, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— אָט ליגט פֿאַר מיר אַזוי פֿיל גאָלד, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן אַזוי פֿיל ניט געזען, און וואָס קען איך דערמיט טאָן אַף דעם אינדזל, וווּ ס'איז ניטאָ ניט קיין מענטשן, ניט קיין מערק. איך ווייס, אַז קיינער וועט שוין מיך איצט ניט ראַטעווען: קיין איין שיף גייט ניט צו נאָענט צו דעם אינדזל, און אויב עפּעס אַ קאַפּיטאַן וועט צופֿאָרן אַהער, וועט זײַן שיף צעפֿליִען ווערן אַף שטיקלעך. גאָר וויינען און קלאָגן וועט גאָרנישט ניט העלפֿן. אויב איך וועל זיצן דאָ,

וועל איך שטארבנ פונ דאָרשט אונ פונ הונגער. איך וועל גיינ א זוכ טאָנ טרינק־וואסער אונ כאָטש וועלכע ס'גיט איז קריַטעכצער.

לאנג האָט סינדבאד ארומגעבלאָנקעט איבערנ אינדזל, אונ צומ סאָפ האָט ער דערזענ א קליינ טיַיכל, וואָס איז געבלאָסנ איבער א לאָנקע, באוואָקסנ מיט געדיכטנ גראָז, סינדבאד האָט זיכ אָנגעטרונקענ מיט וואסער פונעמ טיַיכל אונ האָט זיכ אָנגעגעסנ מיט קריַטעכצער, וואָס ער האָט געפונענ אינ גראָז. אז ער האָט זיכ אָפּגערוט אביסל, איז ער אוועק מיטנ שטראָמ פונעמ טיַיכל, אונ דאָס טיַיכל האָט אימ געבראכט צו א גרויסנ טיַיכ, א שטראָמיקנ אונ א האסטיקנ, אפ די ברעגנ פונ טיַיכ זיַינענ געוואקסנ שיינע הויכע טעק־ביימער, פונ וועלכע מע בויט שיפנ, אלאָע אונ סאנדל.

סינדבאד האָט זיכ צוגעלייגט אונטער א בוימ אונ איז אנשלאָפנ געוואָרנ. אז ער האָט זיכ אופגעכאפּט, האָט ער זיכ אביסל אָנגעזעטיקט מיט פרוכטנ אונ מיט קריַטעכצער, דערנאָכ איז ער צוגעגאנגענ צומ טיַיכ אונ האָט גענומענ קוקנ אפ זיַינ שטראָמ.

— בא דעמ טיַיכ, — האָט ער צו זיכ אליינ געזאָגט, — דארפ זיַינ אנ אָנהויב אונ א סאָפ. אויב איכ וועל זיכ מאכנ א קליינ שיפל, אונ איכ וועל אפ דעמ זיכ לאָזנ שווימענ מיטנ טיַיכ, וועט די וואסער, קענ זיַינ, מיכ ברענגענ ערגעצ צו עפּעס א שטאָט.

473—3

ער האָט אָנגעקליבן אונטער די ביימער סוקעס און צווײַגן, און ער האָט זיי צונויפגעבונדן אױפן ברעג מיט שטריק פון די שיפן, וואָס זײַנען צעבראָכן געוואָרן בײַ דעם מאגנעט־בארג, און אױף די סוקעס האָט ער אָנגעלייגט שיף־ברעטער, און ס'האָט זיך באקומען א ווייל שיפל. דער־נאָך האָט סינדבאד זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט אױפן ברעג יאם, האָט אראָפּגענומען פון זיך דאָס העמד און דעם כאלאט און האָט ארײַנגעלייגט אין זיי גאָלד און טײַערע שטיינער, וויפל ער האָט נאָר געקענט. דאָס גאנצע גוטס האָט ער צו־נויפגעבונדן אין צוויי גרויסע פּעקלעך און האָט זיי אוועק־געטראָגן אין שיפל ארײַן. און דערנאָך האָט ער זיך אָפּ־געשטופּט פון ברעג און איז אוועקגעשוואומען. דער שטראָם האָט געשווינד געטראָגן זײַן שיפל, און אינגיכן האָט סינד־באד דערזען פאר זיך א הויכן בארג, וואָס די וואסער האָט אין אים דורכגעשלאָגן א שמאָלן דורכגאנג. סינדבאד האָט געוואָלט אָפּשטעלן דאָס שיפל אָדער פארקערעווען עס אױף צוריק, נאָר די וואסער איז געווען שטארקער פון אים און האָט אים ארײַנגעצויגן אין דורכגאנג. פריִער איז אונטערן בארג נאָך געווען ליכטיק, נאָר וואָס ווײַטער דער שטראָם האָט געטראָגן דאָס־שיפל, אלץ פינצטערער איז געוואָרן און צום סאָף איז אָנגעשטאנען א פולע פינצטערניש. פּלוצלינג האָט פון דער זײַט זיך דערהערט עפּעס א גערויש, און סינדבאד האָט זיך א שטארקן קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין א שטיין. דער דורכגאנג איז געוואָרן אלץ נידעריקער און

שמעלער, און דאָס שיפל האָט זיך געריבן אין די ווענט פונעם בארג. אינגיכן איז סינדבאד געצווונגען געווען זיך שטעלן אַף די קני, דערנאָך אַף אַלע פיר. דאָס שיפל האָט קאַם, קאַם זיך באַוועגט פאָרויס.

„און טאָמער שטעלט עס זיך פּלוצלינג אָפּ, — האָט סינדבאד א טראַכט געטאָן, — וואָס וועל איך דעמולט טאָן אונטער דעם פינצטערן בארג?"

נאָך דער שטראָם האָט פונדעסטוועגן געשלעפּט דאָס שיפל, און ס'האָט זיך באַוועגט, כאָטש זייער לאַנגזאַם. סינדבאד האָט זיך אַנידערגעלייגט אַפן דעק פונעם שיפל מיטן פּנים אַראָפּ, און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועלן די ווענטלעך פונעם בארג אים צעקוועטשן צוזאַמען מיטן שיפל.

נאָך לאַנג איז ער אַזוי געלעגן, ריכטנדיק זיך אַלע מינוט אַפן טויט, און צום סאָף, אָפּגעשוואַכט פון צערודערונג און פון מידקייט, איז ער אַנשלאָפן געוואָרן.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אַרום און אַרום געווען ליכטיק, און דאָס שיפל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. ס'איז געשטאַנען צוגעבונדן צו א לאַנגן שטעקן, וואָס איז געווען אַרײַנגעשטעקט אינעם גרונט פונעם טײַך באַם סאַמע ברעג. און אַפן ברעג האָט זיך צונויפגעקליבן אַן אויילעם מענטשן, וואָס זײַנען אָנגעטאָן ניט אַזויווי אַראַבער. די דאָזיקע מענטשן האָבן געוויזן אַף סינדבאדן מיט די פינגער

און האָבן הויך גערעדט צווישן זיך עפּעס אַף אַן אומפאַר־שטענדלעכער שפּראַך.

און אַז די מענטשן אַפן ברעג האָבן דערזען, אַז סינדבאַד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן זיי געמאַכט אַ וועג, און פונעם אוילעם איז אַרויסגעגאַנגען אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ טײַערן כאַלאַט. ער האָט פרײַנטלעך עפּעס געזאָגט סינדבאַדן און האָט אים דערלאַנגט די האַנט. נאָר סינדבאַד האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פאַר אַ צייכן, אַז ער פאַרשטייט נישט און האָט געפרעגט:

— וואָס זײַנט איר פאַר אַ מענטשן און ווי רופט זיך אײַער לאַנד?

דאָ האָבן אַלע אַפן ברעג אָנגעהויבן שרײַען: אַן אַראַבער! אַן אַראַבער!

און אַ צווייטער אַלטער מאַן, אָנגעטאָן נאָך רײַכער פונעם ערשטן, איז צוגעגאַנגען צו דער סאַמע וואַסער און האָט געזאָגט צו סינדבאַדן אַף אַ ריינער אַראַבישער שפּראַך:

— פריד צו דיר, פרעמדער! ווער ביסטו און פון וואַנעט קומסטו? און וואָס איז די סיבע, וואָס דו ביסט געקומען צו אונדז? וויאַזוי ביסטו געקומען צו אונדז און וואָס פאַר אַ לאַנד געפינט זיך הינטער אָט דעם באַרג? מיר ווייסן, אַז קיינער קען צו אונדז פונדאָרטן נישט קומען.

— און ווער זײַנט איר און וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר א לאַנד? — האָט סינדבאַד בא אים געפרעגט.

— אָ, ברודער מײַנער! — האָט דער אַלטער געענטפערט, — מיר זײַנען פרידלעכע ערד־אַרבעטער. מיר זײַנען געקומען נאָך וואַסער, קעדיי צו באַגיסן אונדזערע פעלדער, און מיר האָבן דערזען, אַז דו שלאָפסט אין שיפל. דערמיט האָבן מיר געכאַפט דאָס שיפל, און מיר האָבן עס צוגעבונדן בא אונדזער ברעג. זאָג מיר: פונוואַנען ביסטו און צוליב וואָס ביסטו צו אונדז געקומען?

— אָ, מײַן האַר! — האָט געענטפערט סינדבאַד. — גיט מיר פריִער עפעס עסן און טרינקען, און דערנאָך קענסטו בא מיר פרעגן, וואָס דו ווילסט.

— קום צו מיר אַהיים. — האָט דער אַלטער געזאָגט.

ער האָט געבראַכט סינדבאַדן צו זיך אַהיים, האָט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און סינדבאַד האָט בא אים אָפגעלעבט עטלעכע טעג. און אָט האָט איינמאָל אינדערפרי דער אַלטער צו אים אַזוי געזאָגט:

— אָ, ברודער מײַנער! צי ווילסטו ניט גיין מיט מיר צום ברעג טײַך, קעדיי צו פאַרקויפן דײַנע סכוירע?

„פונוואַנען קומט צו מיר סכוירע?“ — האָט סינדבאַד א טראַכט געטאָן.

— מיר וועלן אָפטראָגן דײַנע סכוירע אפן מאַרק, און אויב מע וועט דיר געבן א גוטע פרײַז פאַר איר, וועסטו זי פאַרקויפן, און אויב ניט, וועסטו זי לאָזן פאַר זיך.

— רעכט, — האָט געזאָגט סינדבאַד, און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיטן אַלטן.

אַז זיי זײַנען צוגעקומען צום ברעג טײַך, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם אָרט, וווּ זײַן שיפֿל איז געווען צוגעבונדן, און האָט דערזען, אַז דאָס שיפֿל איז ניטאָ.

— וווּ איז מײַן שיפֿל, וואָס איך בין מיט דעם געקומען צו אײַך? — האָט ער געפֿרעגט בײַ דעם אַלטן.

— אָט, — האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט מיטן פֿינגער באַוויזן אויף אַ באַרג קלעצער, וואָס איז געלעגן אויפֿן ברעג. — דאָס איז דײַן סחורה, און בײַ אונדז אין לאַנד איז ניטאָ קיין טײַערערס פֿון דעם. זײַ וויסן, אַז דײַן שיפֿל איז געווען צונויפֿגעבונדן פֿון זייער טײַערן געהילץ. אויב דו ווילסט, פֿאַרקויף עס אונדז, און מיר וועלן דיר געבן, וויפֿל דו וועסט נאָר אָנבאָטן דערפֿאַר.

— און וויאַזוי וועל איך זיך נאָכדעם אומקערן אַהיים, אין באַגדאַד, אויב איך וועל ניט האָבן קיין שיפֿל? — האָט סינדבאַד געפֿרעגט. — ניין, איך וועל עס אײַך ניט פֿאַרקויפֿן.

— אָ, פֿרײַנט מײַנער. — האָט געזאָגט דער אַלטער, — פֿאַרגעס פֿון באַגדאַד און פֿון דײַן היים. פֿון אונדזער לאַנד איז קיין אַנדער וועג ניטאָ צום ים, נאָר דורך דעם דורכגאַנג אין דעם באַרג, און דו האָסט דער ערשטער זיך דערוווּסט וועגן דעם וועג. אויב דו וועסט זיך אומקערן צו זיך אַהיים, און דו וועסט דערציילן מענטשן וועגן אונדזער לאַנד, וועלן זיי קומען און זיי וועלן אונדז אײַנעמען. זאָלסטו אַפֿילו ניט

טראכטן אוועקצופאָרן פונדאנען. מיר ווי… דיך קיינמאָל ניט אָפּלאָזן. ווייל בא אונדז, זײַ אונדזער גאסט ביז דײַן טויט, און דײַן שיפל וועלן מיר מיט דיר צוזאמען פארקויפן אפן מארק, און מיר וועלן דיר געבן פאר דעם אזוי פיל שפּײַז, אז ס'וועט דיר קלעקן אף דײַן גאנץ לעבן.

— און ווו זײַנען די פּעקלעך, וואָס זײַנען געלעגן אין שיפל? — האָט סינדבאד געפרעגט.

— איך האָב געהייסן זיי אָפּטראָגן צו זיך אין קאַמער, — האָט דער אלטער געענטפערט, — אין די פּעקלעך ליגן עפּעס גלאנצנדיקע קײַקעלעך און שטיינער. אויב דו דארפסט זיי, נעם זיי.

און די אײַנוווינער פון דעם לאנד האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין גאָלד און קיין טײַערע שטיינער, און זיי האָבן ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז.

און דער אָרעמער סינדבאד איז געבליבן אזויווי א געפאנגענער אף דעם אינדזל.

ער האָט פארקויפט אפן מארק די קלעצער, וואָס פון זיי איז געווען געמאכט דאָס שיפל, און ער האָט ב… …ען פאר זיי אסאך מעל, פרוכטן און אנדערע שפּ… … האָט אים ניט געפרייט. ער האָט שטענדיק נאָר … …ט וועגן דעם, וויאזוי זיך אומצוקערן אהיים.

און איינמאָל, דעם טאָג, ווען ס'הייבט זיך … גײער כוידעש, איז סינדבאד ארויסגעגאנגען אין גאס און האָט דערזען, אז אלע מאנצבלען, די אײַנוווינער פון שטאָט.

גייען ארום אין ברייטע כאלאטן אָן ארבל, און דער אלטער. וואָס סינדבאד האָט בא אים געלעבט, האָט אויך אָנגעטאָן אזא כאלאט.

— אָ, האר מײַנער, — האָט געזאָגט סינדבאד, — וואָס באטײַט עס, אָט דאָס וווּנדערלעכע אָנטאָן?

— זײַ וויסן, מײַן פרײַנט, — האָט דער אלטער געענטפערט, — אז די ערשטע טעג פון יעדן כוידעש איז בא אונדז א גרויסער יאָנטעוו. און אז דער יאָנטעוו הייבט זיך אָן, טאָר קיינער אייך פרעמדער ניט ארויסגיין אין די גאסן פון שטאָט. דער יאָנטעוו וועט זיך אָנהייבן הײַנט אין אָוונט. טאָ פאָלג און גיי ניט ארויס פון שטוב פון דער מינוט אָן, וואָס די זון וועט פארגיין. און מאָרגן אין אָוונט, ווי נאָר ס'וועט ווערן פינצטער, וועט דער יאָנטעוו זיך ענדיקן, און דו וועסט ווידער זײַן פרײַ.

— גוט, — האָט געזאָגט סינדבאד, — איך וועל טאָן ווי דײַן באגער איז.

און בא זיך האָט ער געטראכט, אז ער וועט אימבאדינגט זיך באהאלטן ערגעץ און וועט זען דעם יאָנטעוו.

ער האָט זיך דערוואַרט ביז דער אלטער איז ערגעץ אוועקגעגאנגען פון שטוב (און די זון איז נאָך ניט געווען פארגאנגען), און ער איז שטילערהייט ארויסגעגאנגען נאָך אים אזוי, אז דער אלטער האָט עס ניט באמערקט. לאנג האָט סינדבאד געזוכט עפעס אן אָרט פאר א באהעלטעניש, און צום סאָף האָט ער זיך פארטײַעט הינטער א טויער פון

איינעם עפּעם אַנ אַלטנ הויז אַפ דער גרעסטער גאַס. דאָס דאָזיקע הויז איז שוינ געווענ קימאַט איינגאַנצנ צעוואַלגערט, אונ קיינער האָט דאָרט ניט געוווינט.

סינדבאַד איז אָפּגעזעסנ הינטערנ טויער, ביז די זונ איז פאַרגאַנ. אונ אַז ס'איז פינצטער געוואָרנ, האָט ער פּלוצלינג דערהערט דעמ קלאַנג פונ טרומייטנ אונ פונ פּויקנ. ער האָט פאַרזיכטיק אַ קוק געטאָנ אַפ יענער זײַט טויער אונ האָט דערזענ אינ גאַס אַ גרויסע פּראָצעסיע. פאַר אַלעמענ זײַנענ געלאָפנ קינדער אונ האָבנ פריילעך געפּויקט אינ אַ פּויק. נאָכ זיי זײַנענ געגאַנגענ פרויענ מיט ספּורקאַטשעס, אונ נאָכ די פרויענ זײַנענ געגאַנגענ די מאַנצבּלענ אינ זייערע ברייטע כאַלאַטנ אָנ ארבל.

די פּראָצעסיע איז ארויסגעגאַנ אַפ דער מיט פונ פּלאַץ, אונ די פרויענ האָבנ זיכ אויסגעזעצט אַפ דער ערד אינ אַ קרײַז. אינמיטנ קרײַז האָבנ זיי צעלייגט אַ גרויסנ שײַטער אונ האָבנ אים אָנגעצונדנ. אינגיכנ האָט דער שײַטער זיכ העל צעפלאַקערט, אונ פּלוצלינג האָבנ די מאַנצבּלענ אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ זייערע כאַלאַטנ, אונ סינדבאַד האָט דערזענ, אַז יעדערער פונ זיי האָט ברייטע ווײַסע פליגל פונ פעדערנ אַפ דער פּלייצע. די קינדער האָבנ נאָכ שטאַרקער אָנגעהויבנ פּויקנ אונ האָבנ מיט הויכע לידער אָנגעהויבנ טאַנצנ ארומ דעמ פײַער. אונ אַז דער שײַטער איז אויסגעלאָשנ געוואָרנ, האָבנ די מאַנצבּלענ צענומענ זייערע פליגל,

אונ זיי זײַנענ אוועקגעפלויגנ. אינ שטאָט זײַנענ געבליבנ נאָר די קינדער אונ די פרויענ.

אונ סינדבאד האָט שטילערהייט זיכ אומגעקערט אהיימ, אונ מער איז ער שוינ ניט ארויס אינ גאס ביז נאָכנ יאָנ־טעוו.

ס'איז געוואָרנ אינדערפרי, ס'איז דורכגעגאנ דער גאנ־צער טאָג, אונ ערשט צו אָוונט צו האָט זיכ אומגעקערט דער אלטער, סינדבאדס באלעבאָס. ער האָט גאָרנישט ניט געוווּסט וועגנ דעמ, אז סינדבאד איז ארויסגעגאנג פונ שטוב אונ האָט געזענ דעמ יאָנטעוו.

אונ אז ס'האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ א נײַער כוידעש, איז סינדבאד אוועקגעגאנג צו איינעמ א מענטשנ, מיט וועלכנ ער האָט זיכ באפרײַנדעט, אונ ער האָט אימ אָנגעהויבנ בעטנ, ער זאָל אימ אוועקזעצנ צו זיכ אפ דער פלייצע. ווענ עס וועלנ בא אימ אויסוואקסנ פליגל, אונ ער זאָל אימ מיטנע־מענ אביסעלע פליִענ.

— אונ וויאזוי האָסטו זיכ עס דערוווּסט, אז מ'קענ פלי־ענ? — האָט אימ יענער מענטש געפרעגט. — ווענ דו ביסט ניט מײַנ פרײַנט, וואָלט איכ באלד דערציילט אונדזער קיי־סער, אז דו האָסט זיכ אונטערגעקוקט, אונ ער וואָלט דיכ גע־הייסנ קעפנ. נאָר נעמענ דיכ מיט זיכ, דאָס איז ניט מעגלעכ.

סינדבאד האָט אָבער ניט אויפגעהערט אײַנצורעדנ זײַנ פרײַנט, ביז יענער איז ניט אײַנגעגאנגענ, אונ דערמיט האָט דער מענטש אימ אזוי געזאָגט:

— הײַנט איז אָוונט הײבט זיך אָן אונדזער יאָנטעװ. מאָרגן אינדערפֿרי קום צו גײן אױף דעם באַרג, װאָס לעבן די מײַרעװודיקע טױערן פֿון שטאָט, און װאַרט אױף מיר. איך װעל קומען צו פֿליִען, און איך װעל זיך נעמען אַבי װעלע א פֿליִ טאָג. נאָר מיט אײן באַדינג: קאָלזמאַן מיר װעלן זײַן אינדערלופֿטן, זאָלסטו שװײַגן און זאָלסט קײן װאָרט ניט אַרױסרעדן.

סינדבאַד האָט זיך אומגעקערט אַהײם א פֿרײלעכער, און װי נאָר ס'איז געװאָרן אָװנט, און זײַן באַלעבאָס, דער אַלטער, איז אַװעקגעגאַן, האָט סינדבאַד זיך אַראָפּגעלאָזן אין קאַמער און האָט פֿונדאָרטן אַרױסגעטראָגן די פּעקלעך מיט גאָלד. ער האָט אױסגעקליבן די סאַמע גרעסטע שטײנער און האָט זײ אַרײַנגעלײגט, װי נאָר ער האָט געקאָנט: אין בוזעם, אין גאַרטל, אין טורבאַן, און דערנאָך איז ער אַרױס פֿון שטוב און איז אַװעק צום באַרג. װען ער איז געקומען אַהין, האָט שױן זײַן פֿרײַנט געװאַרט אױף אים.

— זעץ זיך צו מיר אױף דער פּלײצע, — האָט ער געזאָגט צו סינדבאַדן, נאָר געדענק: קאָלזמאַן מיר װעלן פֿליִען, זאָלסטו דאָס מױל ניט עפֿענען, אַניט װעט אונדז בײדן זײַן שלעכט.

סינדבאַד איז אַרױפֿגעקראָכן צו אים אױף דער פּלײצע און האָט זיך װי ניט איז אײַנגעטאָסטעט בײַ אים צװישן די פֿליגל.

— האַלט זיך שטאַרקער! — האָט אים זײַן פֿרײַנט א

געשריי געטאָנ, אונ ער האָט ברייט צעגומענ זײַנע פליגל אונ זיכ אופגעהויבנ אינדערלופטנ.

ער איז געפלויגנ אלצ העכער אונ העכער, אונ ער האָט זיכ פארקליבנ אזוי הויכ, אז סינדבאדנ האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז די ערד איז ניט גרעסער פונ א פילקע, וואָס שווימט אפ וואסער.

אונ ער האָט זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אונ האָט א געשריי געטאָנ:

—אָט וווּנדער!

אונ ווי נאָר ער האָט ארויסגערעדט די ווערטער, האָבנ די פליגל פונ דעמ פויגל־מענטש זיכ אָפּגעלאָזנ אָנ קויכעס, אונ ער האָט אָנגעהויבנ לאנגזאמ פאלנ אראָפּ.

צו סינדבאדס גליק, זײַנענ זיי אינ דער צײַט דורכגע־פלויגנ איבער א טײַכ, אזוי אז סינדבאד איז ניט דערהאר־געט געוואָרנ, ער האָט זיכ נאָר שטארק צעקלאפּט אָנ דער וואסער, אונ בא דעמ פויגל־מענטש האָבנ די פליגל זיכ אָנ־גענומענ מיט וואסער, אונ ער איז, ווי א שטיינ, אראָפּ אפנ גרונט.

סינדבאד האָט זיכ געלאָזנ שווימענ צומ ברעג, אונ כאָטש איבער די שטיינער, וואָס ער האָט מיטגענומענ מיט זיכ, איז אימ שטארק שווער געווענ צו שווימענ, פונדעסט־וועגנ האָט ער זיכ דערשלאָגנ צומ ברעג, אונ ווידער איז ער אײנער אליינ ערגעצ אפּ א וויסטנ אָרט, ווידער וועט אימ

אויסקומען צו ווארטן אפן טויט ווײַט פונדערהיים און פון גאָענטע מענטשן!

סינדבאד איז לאנג געזעסן און האָט געטראכט וואָס צו טאָן.

— פארוואָס בין איך בעסער ניט געבליבן בײַ דעם אלטן, וואָס האָט מיך אזוי פרײַנטלעך באגעגנט און מיך ארײַנגענומען צו זיך אין שטוב? — האָט ער גערעדט צו זיך אליין, — איך בין אליין שולדיק אין דעם אלעמען, וואָס ס'האָט זיך מיט מיר געטראָפן.

און אזויווי ער איז געזעסן און האָט געטראכט, איז פלוצלינג פון אונטער א קוסט ארויסגעקראָכן א גרויסע גראָבע שלאנג און אין מויל האָט זי געהאלטן א מענטשן, וואָס זי האָט אים אײַנגעשלונגען אף דער העלפט. דער דאָזיקער מענטש האָט דערזען סינדבאדן און האָט א געשריי געטאָן:

— באפרײַ מיך, און איך וועל דיר אָפּדאנקען דערפאר!

און סינדבאד האָט אופגעהויבן פון דער ערד א שווערן שטיין און האָט מיט אים צעהאקט די שלאנג אף צווייען, און דערנאָכדעם האָט זי צענומען אירע קינבאקן און האָט ארויסגעוואָרפן דעם מענטשן פון איר מויל. און דער מענטש איז צוגעגאנגען צו סינדבאדן און האָט געוויינט פון פרייד.

— ווי אזוי זאָל איך דיך באדאנקען דערפאר, וואָס דו האָסט מיך געראטעוועט? — האָט ער א געשריי געטאָן.

— זאָג מיר, אין א וואָסער לאנד בין איך, — האָט סינדבאד געענטפערט, — און צי איז ווײַט פונדאנען ביז באגראד?

— דו געפינסט זיך אין עגיפּטישן לאנד, לעבן דער גליקלעכער שטאָט קאיר, — האָט דער מענטש געזאָגט. — פון אונדז קיין באגדאד גייען אָפט קאראוואנען, און איך וועל דיר העלפן זיך דערקלײַבן אהין. און איצט דערלויב מיר דיך אָפּפירן צו זיך אין שטוב, צו מײַנע קינדער, זיי זאָלן וויסן, ווער ס'האָט געראטעוועט זייער פאָטער.

און סינדבאד איז מיט אים אוועק צו אים אהיים, און ער האָט בא אים אָפּגעלעבט אזוי לאנג, וויפל ער האָט געהארפט צו אויסרוען זיך, און דערנאָך האָט ער פארקויפט זײַנע טײַערע שטיינער, האָט געדונגען א קאראוואן העמלען, אָנגעלאָדן זיי מיט עגיפּטישע סכוירעס, און ער האָט זיך אומגעקערט קיין באגדאד.

זײַנע קרויווים האָבן שוין זיך ניט געריכט אים צו זען, און ווען סינדבאד האָט דערציילט, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן, האָבן זיי זיך זייער געוווּנדערט, און זיי האָבן זיך דערפרייט, וואָס ער איז געבליבן לעבן.

— איצט וועל איך דיך שוין מער אינערגעץ ניט לאָזן פאָרן! — האָט סינדבאדס ווײַב אים געזאָגט.

און סינדבאד האָט איר געשוואָרן, אז ער וועט שוין מער ניט אוועקפאָרן פון באגדאד.

און ווידער האָבן אָנגעהויבן גיין צו סינדבאַדן זײַנע פֿרײַנט, קעדיי צו הערן, וואָס פֿאַר אַ פּאַסירונגען ער האָט איבערגעלעבט.

און דאָס איז אַלץ, וואָס ס'איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט סינדבאַדן אין אומבאַוווּסטע לענדער און אין ווײַטע יאַמען.

אינהאלט.

די ערשטע רײַזע 3
די צווייטע רײַזע 16
די דריטע רײַזע 38
די פערטע רײַזע 60